STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10300

VUNDN UN VUNDER

Shloime Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שוואַרץ

*

וווּנדן און וווּנדער



שלמה שווארץ

שלמה שוואַרץ

וווּנדן און וווּנדער

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"ה — 1975

Shloime Schwartz / VUNDEN UN VUNDER

שלמה שוואַרץ / ווונדן און ווונדער

©

אַלע רעכט געזיכערט

Copyright by Selwyn Schwartz, 726 Junior Terrace
Chicago Ill. — 60013, U.S.A.

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
'Hamenora" Publ. House, 24 Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1975 — נדפס בישראל תשל"ה

דפוס לינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א

דאָס בוך איז געווידמעט
מיין ברודער ישראל
מיט ליבשאַפט.

Dedicated to my dear
brother *Isadore*
with love.

S. S. S.

דורך מיין ברודערס פענצטער

האָסט מיך ניט געטראָגן אויף די אַקסלען,
ווי אַ הילצערנעם ברודער,
צום מזבח אַ קרבן.
נייערט טיף אין טייכל אַריין —
צו מאַמעס טיר פון קלאָרער ליבשאַפט.
געווען איז דער טאָג
מיט ליכטיקייט אויפגעשלאָסן.

נאָך דעם
ביסטו אַוועקגעשווומען כוואַליעדיק יונג
ביז צום ברעג
פון גאָלדענעם חלום.
געיינגלט זיך אין בלאָע שיפלעך —
דער פישער פון שטערן
אין מאַמעס אויסבאַהאַלטענע חלומות.

די מעוועס
האָבן מיך צו דיר געטאָן פירן
דורך אויסגעהאַקטע שויבן;
מיט דריבנינקען געשריפטס
מאַמעס יאָרן אין זאַמד פאַרשריבן.

מיר זענען צוויי ברידער פאַרבליבן.
דו,
דער פישער פון שטערן.
איך,
פאַרקייטלט נאָך עד־היום
מיט לידער.

מה יקר חסדיך, אלהים,
ובני אדם בצל כנפיך יחסיון.
תהילים, ל״ו–ח׳

דיאַלאָג בנוגע אַ פאַרלאָרענעם מאָנטיק

די ניסים פון מיין וואָך

כ'האָב זיך אָנגעטאָן מיט פרייטיק,
מיט אויסגעקריצטע „לכה־דודי"־שורות
מיין געזאַנג צו דיר אויפגעהויבן.

זע,
דער גאָט פון אברהם
איז סך־הכל.
און איך?

אַ בערגעלע שעהען
אונטער אָנגעצונדענע שטערן.

כ'צייל די ניסים פון דער וואָך.
גאָט,
וואָס איז דער אמתער תּוך
פון
ד ו?

א
אַלץ וואָס געשעט איז ניט בחינם.
דו האָסט מיך אויסגעטאָן פּלוצלונג
פון אַלע טעגלעכע געזעצן,
מיך אויסגעצויגן אין די שנייִישע נעצן
פון מיין אַלאַרמירטער שטאָט,
מיט בלוטיקע שנירלעך לידער אויף מיינע ליפּן
פאַרפעסטיקן די אייביקייט אין מיינע פּראָסטיקע אויגן,
בעת כ׳האָב זיך געראַנגלט אין „רויטן-רייטוואָגן״
מיט דיין מלאך רפאל.

ערב שחרית
אין שנייִיקן געוויטער.
פאַרשטילט, פרעמד און בלינד,
איז די שטאָט געלעגן הינטער מיר.
אין מיין געוואַלגער פון אַנגסטן
ביז ווייבס גרויסן געיאָמער
ביסטו מיין שומר, מיין היטער געווען.
דער גלאַנץ פון בליציקן מעסער
האָט
דעם צעדאַוונטן שחרית
אויפגעשניטן
און שטילער זענען געוואָרן מיינע תפילות.

אין מיין אַלטן סידור זענען דאָ טירן,
וואָס פירן מיך תמיד צו דיר.
איז דער סידור געבליבן ליגן
אויפן קאַלטן טראָטואַר פאַרפרוירן
אין מיין פּלוצלונג געקומענער רו.
כ׳האָב באַזונגען, באַוווּנדערט
דיין פרימאָרגן ווי נס —
דערפאַר מיין אויסנווייניקער „מודה-אַני״

מיט דעם גרינעם ניגון פון אויפבלי.
מוז איך דיר פאַרטרויען:
די נאַכט אין שפּיטאָל איז געווען געלאָדן
מיט שוואַרצע פּסוקים
צווישן לעבן און טויט.

אַלץ וואָס געשעט איז ניט בחינם.
די מחשבה איז געווען פול
מיט פאַרביי, מיט סך־הכּל.
היים און רויט האָסטו אין מיר
פריש בלוט געגאָסן,
מיט שקיעה מיך אַרומגעוויקלט
אין דער וועלט פון אַן פאַרלאַנגען.
מיין זיידע, דער שוחט,
האָט פון זיין אייביקייט געמורמלט,
ווי דורך אַ נעפּל:
אייניקל מיינס, דער סוף פון זיך יאָגן
האָט דיר, נעבעך, אָהער פאַרטראָגן.

נאָך דעם איז אַלץ צערונען געוואָרן
אין איינגעוויגטער שטילקייט.
דער טאָג האָט געשלאָגן אויף מיין זיידנס טלית.
אַ רעשטל לעבן האָט געאָטעמט
מיט פרייד און חידוש.
אל מלך רופא,
פאַרנעם פון מיינע אָפענע אויגן
מיין נייע שירה
צו דיין יעדן טאָג באַזונדער.

ב

ג–ט,
כ׳וויל פֿאַרגעסן דעם קאַטאַסטראָפֿאַלן
דין־וחשבון
אויפֿן שטיינערנעם אַספֿאַלט פֿון מײַן שטאָט.
אין דעם ניט דערשלאָפֿענעם פּלאָנטער
פֿון שטיינער
בין איך ווידער געווען בײַ דײַן אָנהייב,
מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן
צו די הויכקייטן געטריבן
דורכזיכטיק־דין
אין דעם זילבערנעם דרימל.

אָט אין דער שמאָלער שעה פֿון שלאָף
איז די געפֿאַר
געלעגן
אין דער שוואַרצער שאָל פֿון נאַכט
אַ מאָגערער פֿינאַל
ווי בלעטערפֿאַל
סוף זומער.
כאַטש יעדער שטראַל און בלומען־ריחות
באַנייען
אַ מין תּחית־המתים שפּיל,
צו איז עס יצירה?

נאָר אויבּ אין מײַן אײנליקייט
האָבן מײַנע פֿיס ערגעץ ווו מיך
פֿאַרטראָגן —
אַלץ טיפֿער איז די נאַכט געוואָרן
מיט די אַלע געשטאַלטן
פֿון וואָגלען און וווּנדער
אין דער שלווה־בלויקייט
צווישן ערד און הימל.

ג

דער טאָג איז נידעריק געהאַנגען.
כ'האָב געדורש נאָך דיין גוטסקייט,
נאָך ווייטע פליגל.
האָסט אַראָפּגעוואָרפן די לאַסט
פון מיין וואַכיקייט
אין ווייכקייט פון שניי.
צווישן סוף און אָנהייב
האָבן די רויטע פייגל
מיך באַוויינט —
אָן א מאַנטיק.

דער פאַרזיווגטער מאַנטיק
פון מיין יִדישער וואָך
אין אַשיקן קאָליר פון ענגע ווערטער,
וואָס זענען נישט זיס, נישט ביטער,
נאָר אָפּגעבליטער זיכּרון
אין לעמפּלדיקן ציטער.

דעריבער זוך איך דיר
אין חצות פון אָנגעצונדענע שטערן.
כ'טו זיך אויס פון דער נאַכט
דעם שחרית צו דעריאָגן —
כ'זאָל, חלילה, ניט פאַלן אָן אומגעדאַוונטער,
אויף דיין שוועל.

ד

מיין יִדישע וואָך
הענגט אויף אַ האָר.
וואָס וועט ווערן פון מיין דור?

אונדזער בלויער פויגל מיט זון צוזאַמען.
די אבות און אמהות —
שטיל צווישן מנחה פלאַמען.

באַשירעם אונדז פון געקעפּטע מעת-לעתן
אין שטאָטישן שטייג
פון ווינט און שטויב
צווישן שטאָלענע אָדערן.
פרייטיק
צעקעמט מיט לויב אירע שיינע האָר.
לכּבוד שבת
ווערט די נאַכט פול מיט ליבשאַפט און שירה
מיט פרומע ליכטלעך פון מיין דור.

האָסט מיך היינט פון אַלע ערגעצן
געברענגט אין טיפן זילבערנעם מאָך.
גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
באַניַי געטריי די ברכה אויף מיין פולער וואָך.

גרינע ברעמען

אַלץ טיפער בייגן זיך די קאַלטע שעהען
אין שטילע קאָרידאָרן.
די ווייסע טירן פירן צו חלומות.
פאַרזונקען אין זומערדיקע סימנים,
טרינק איך פרום די יונגע רגעס.

דער שנייִיקער מת בלייבט ליגן אין דרויסן
אַן אויסגעלאָשענער.
דער זומער קומט אַ באַפרייטער,
מיט גרינע ברעמען
אויף די ביימער.

און איך —
כלומרשט מיט קלוגשאַפט פון מיינע אָבות —
קען אַפילו ניט דערוואַרעמען די בלאַסע בלומען
אין שטילן צימער פון שפּיטאָל.

פייגל קומען צו פליִען אין די שויבן
מיטן גרויסן זכות פון שיינע פאַרבן.
כ'האָב דאָ פאַרפלאַנצט אַ קליינעם גאָרטן
פאַר זייערטוועגן,
צעליכטיקט מיט צוויטן.

פון ביימער־קרוינען
די עפּל
וועלן זינגען בלויע לידער אין פאַרבאַגין.
די קאָרידאָרן וועלן רייכער מיט זומערדיקע בשׂמים.

שוואַרצע רערן

דאָ וואָרצלט נאָך דער ווינטער אין שנייִיקן שפּיגל.
די זון
איז נאָך קיל און בלייך.
צאַרטער טרויער פון לעצטן שניי
פּאָרט זיך ניט מיט דער אָנגעצונדענער ליכטיקייט
פון טומלדיקער שטאָט.

לעצטער שניי פעדערט זיך אין יעדער שויב.
זיפּט אַראָפּ אַ „זיי-געזונט"
אונטער יעדן טראָט.
דער ריח פון רויזן דרעמלט אויסגעלאָשן.

דער שניי צערינט דורך שוואַרצע רערן.
כ'הער הונדערטער ניגונים
אין דער גרינער שירה פון ערב זומער —
מיט אויפגיין.
יעדער טראָפּן רעגן בליצט פּלוצלונג
מיט ניסיון
אויפן גוף פון מיין שטאָט.

מיין קינד האָט צעווײנט אַ רעגן

מיין קינד האָט צעווײנט אַ רעגן.
אַ שפּע שײנקײט
אין אירע אויגן,
בעת די לעצטע טרער איז אַראָפּגעפאַלן
אין טיפן שניי.

אַ ביימעלע מיט הויט
איז מיין טעכטערל,
מיט פרוכטיקע און בלימלדיקע רייד.
אַלע ביימעלעך ווייסן,
אַז זי איז די פרייד,
צוזאַמענגעזאַפּט
פון ערד, זון און רעגן.

צווישן הויכע בערג און פרישע טייכן —
איר טרער — אַ שפּיגל פון זומער.
ווער איז צו מיר אַ גלייכן,
ווען זי, אין קאַמערטאָן פון מיינע ביינער,
דער יונגער פלאַם.

זי שווימט אויף מיינע ליפּן,
אַ שוואַן מיט שיינע טרערן —
צו ראַטעווען מיין ליד
אין אַ ים פון זונפאַרגאַנג.

אַ טראָפּן זון

די ביימער אויף מיין גאַס
ריידן אַלטע רייד.
שאָקלען זיך ווי זקנים
און טרייבן פון זיך
דעם בייזן ווינט,
וואָס רייסט פּולציינק
שטיקער פון זיי.

דער רעגן,
מיט נאַסע פלינקע פיס,
וויל דורכוים צעווייקן
די וואַלדטיפקייט
פון זייערע יאָרן.

כ׳הער זיך צו
צו יעדן בוים,
ביי מיינע שויבן.
כ׳הער ווי זיי שטאַרבן
אין די שמאָלע פאַרנאַכטן,
ריידעוודיקע
ווי מתפללים,
וואָס בעטן
גאָט אַליין ווייסט וואָס —
רחמים.

אַזוי פיל טראָפּנס ליכט
אויסגעלאָשן
אויף יעדער בלעטל,

ווען ביימער שטאַרבן אָפּגעהאַקטע
אין טיפן שווייגן.

און אין מיינע שויבן
הענגט די זון —
די אַנטבלויזטע ווונד.

דער זומער איז געקומען

דער זומער איז געקומען
מיט אַלערליי בלומען.

דערנאָך זענען טרערן געקומען,
באַרעגנט די יונגע בלומען
אין באַרווישונג פון פרומע רויזן.

פון דער פולשפּראַציקער ערד
אַלע אוצרות
און אַלע פינצטערנישן זענען
אַנגעצונדן מיט זונוווּנדער.
סאַראַ פרישער אַראָמאַט
פון גרוב און קעלער אויפגעמאַכט.

דער זומער איז פון אַלע ערגעצן געקומען.
כ'האָב אויף ס'ניי גאָטס שפּראַך פאַרנומען.
אין דער רייפקייט פון געשנורעטע צווייגן
געזאַלבט איז דער ווּנדער
פון שווייגן.

פון קינדוויז אָן, וואַנדערלינג, דו —
מיין יידיש ליד.

וואַנדערלינג

ווּנדערלינג

א

ווּנדערלינג,
בליסט תּמיד אין באַגין אינטים,
אין אַלע געשטאַלטן
מיט קלאָרער ניישאַפט,
אין די קאַרבן פון מיינע יאָרן.
פון קינדווייז אָן, ווּנדער דו,
„אַז שטאַרקער פון טויט איז לעבן".
אַ שוועלבל פייער אין די שויבן
מיט שיר־השירימדיקע אַקאָרדן.

פלי איך אויף ס'ניי
מיט דיינע צאַפּלדיקע פליגל,
אָן אויסגעטאָנענער פון אַלע צעדולטע
פאַרדראָסן,
גענאָסן פון טיפער געטריישאַפט
צום הייליקן ווּנדער
פון באַרוישונג.

ווּנדערלינג,
לויף מיר אַנטקעגן
מיט גרינע סודות,
מיט בענקענדיקע סטראָפן,
פאַר שפּעטערדיקע לידער.

ב

וואנדערלינג,
פֿאַרטרײַב דעם טרויער
פֿון פֿאַררויכערטן מויער
אין טײַכיקן שפּיגל
פֿון מאַראַנצן-ליכט.
קום ווידער דורך די שויבן
מיט אויסגעסטראַיעטע חלומות
אין פֿליגלדיקן שלאָף.

די פֿאַרבן, וואנדערלינג,
איז אַ מעשׂהלע
פֿאַרפּלאָנצט אויף די צווייגן-הערנער
פֿון בראָנדזענעם הירש
און אין דעם אינגעווייד
פֿון זײַן אויסגעלאָשענעם זומער.
פֿאַרטרײַב די שקיעה-פֿלאַמען,
די צעבלוטיקטע,
פֿון אויסגעשייערטע שויבן.
כ׳זוך דײַן נאָענטקייט,
וואָס וואַרעמט און היילט
די גלעזערנע נאַכט.

ג.

בשעריך,
די גלעזערנע נאַכט
נידערט אַראָפּ הושענהדיק קיל
אויף מיין ברעם
מיט גאָלדשלאָף.

אין סאַמע פייערפלאַם
פון אָנגעצונדענע בלעטער,
וואונדערלינג, דו,
דורך שנאָבלדיקע פלאַמען
— מיין יונגער מעטאַפאַר
נסיעהדיק
צו דעם איינאונאיינציקן רעטער
פון ווידער זומער.

בשעריך,
אַלע הייסע פאַרבן
— צווישן מיר און דיר
אָנגעצונדענע רמזים
אין די שפיגלען
פון מיין שיר.

בלייב אין מיר
וואונדער
פון
מיין
שריפט.

ד

וווּנדערלינג, וווּנדערלינג,
כ׳האָב דיר פאַרטראַכט אַ גאַנצע נאַכט.
ביז פולע פאַרטאָגן,
אויף בוים און בלאַט —
אַ ניגון אַ ריינעם פאַר אַלע שכנים
אין סטראָפן.

די נאַכט איז אַנטלאָפן.
ואני, עד־היום,
אייל זיך דער זון אַנטקעגן
מיט אַלע בורא־פּרי־הגפנדיקע
קאָלירן.
כ׳לאָז זיך פאַרפירן
פון ערשט אויפגעוואַכטע הימלען
מיט בלאָנדע תפילות
פון מאַרגנשטערן.

אַלץ איז וואַך, סוד און ריגל
אינעם אויפלייכט
פון דיינע שויבן.
אַצינד וואַרעמט ליכטיקייט
כוואַליעס, זאַמד און פּיראַמידן
מיט באַהנטער עשירות פון לידער.

ה

כ׳האָב צעקערט די נאַכט טיף
אין דיר,
פאַרפלאָנצט אַ חלום
אין די אויגן
פון אויפגעוואַכטע שטערן,
אויסצושפּרייטן
דעם באַגינען
אַרום דיר,
כ׳זאָל אים ווידער געפינען.

די צעגאָסענע ליכט
איבער שטאָטישן גראַניט,
פון אַלע ערגעצן זילבער־פּרי
דעריאָגט דעם אַלטן ייִד,
וואָס זינגט צו מיר
פון זיין זייגער אַרום
דיין „אָז ישיר״.

פון טינטער און פּאַפּיר
די שירה צו דיר
איז הימלדיק ריין.
די באָרוועסע שעה
לויפט
מיט הימען און לויב.

ו

ס׳קלעטערט די בענקשאַפט אויף זוניקע נאָטן.
אַלץ אין מיר רייסט זיך צו דיר —
אַ יִידיש ליד,
דאָס ליד פון רעטעניש.
כ׳ווער ווידער שיכּור מיט דיר, ווונדערלינג,
כ׳טראָג דיר היינט אַנטקעגן
— צאַפּלדיקן וויוואַט
מיין לעבן.

ס׳רעדט מיין גאַס אַ דראַמטענע שפּראַך,
נאָר איך שלינג דאָס וואָרט דיינס,
— אַ פלאַקער פון קאַלירן
און איך גאַף.

ביסט געקניפּט אין גאָטס באַשאַף,
שבתדיק שטיל
און נאָכגיביק,
ווען איך קוש אַרויס
פון דיינע ליפּן
— די זעלטנסטע ברכות
מיינע צאַפּלדיקע יִדישע לידער.

ז

וווּנדערלינג,
דער זומער איז ווידער אַנטלאָפֿן.
דו בלייב מיט מיר.
די האָזן אין מיינע שויבן
שלינגען דעם קאַלטן שניי,
פֿאַרזיידעקט מיט ווינטער,
מיט אַ פֿול מויל תּפֿילות
קעגן לאַנגווייל.

דער וואַלד אַרום איז פֿול
מיט יעגערס
און ווידערקולות.
פֿאַר וואָס די שאַרפֿע קויל
אין וואַלדגעזיכט פֿון חצות?

איז מיר ליב, וווּנדערלינג,
די שטעכיקע דראָטן.
די זון
זינגט פֿרימאָרגנדיקע
וואַרעמע פּסוקים
צו מיר, צו דיר, צום שטיין.

ח

איך בין פֿאַרליבט
אין די אויסגעשטרעקט הענט
פֿון דער קלוגער לבֿנה.
ס׳איז דער מאַמעס פּנים —
קלאָר און וואַרעם.

כ׳מוז
שטענדיק קומען צוריק צו דיר,
צו קלעטערן אויף די העכסטע אַלפּן,
אַראָפּפּליקן פֿון הימל
די אַריינגעזועצטע שטערן,
צוזאַמען מיט דאָס פּלאַטערל
פֿון ייִדישן וואָרט,
וואָס זינגט תּמיד
פֿון מויל צו מויל.

אַ טינטער איז די נאַכט,
אייביק פֿול
מיט דיינע פֿרישע סטראָפֿן.

ט

הימל און הימל און גראָז,
מיט ווונדער איבער ווונדער,
מיט מאָרגנדיקער פרייד.
דער יִדישער אות
זוניקט אין מיר.

ביים ברעג פון זומערדיקן טייך
ווער איך פריי
פון גרוי-גריל-גאַל.
שפּאָגל-ניי אין שטראָמיקן רעפּרעזן.
יעדער פעלדז, אַ שטום-באָרוועסער נביא,
אין טייך פון צאַפּלדיקע שורות
אַפּלאָדירט
דעם ווינט וואָס צופּט
ווילד און שטיפעריש די האָריקע ברוסט
פון רייפן וואַלד.

אַ רעטעניש, ווונדערלינג,
ס׳ווערט יעדער בוים מיין גרינער הירש
אין מיין שיר
און טראָגט מיך העט-ווייט.

י

גוט מאָרגן דיר, יוגנט,
ביים מויער פון מיין צייטיק ווערן.
אין געגענען פּנים אל פּנים
בלייב איך צוגענאָגלט
צום זכּרון פון מיין געבערן.

כ'האָב זיך אַרויסגעקייקלט
אין לעבן אַריין,
מיט געוויין,
מיט פרילינגדיקע פאַרבן,
בלחש אַרויסגעזויגן
פון מאַמעס ברוסט
דיין שטראָמיקן נאָמען,
וווּנדערלינג,
אין אַלע דיינע זיבן הימלען
זיך פאַרליבט,
אין דער שפּראַך פון אַלע דיינע אותיות.

איצט, אין מיין פולער יאָריקייט,
פלאָנץ איך ווידער אין יידישן גאָרטן
די אַלפנים'קייט פון בראשית.
וווּנדערלינג,
טריקן אוים די פּסוקים פון אייפערזוכט,
לאָז אַפילו דעם עלטסטן בוים בליִען.

יא

לאָז מיך גלעטן די טיפֿע גראָז,
דעם עלטסטן שטיין,
דעם בוים וואָס שטייט אַליין
און ווערט דאָס הויז
פֿאַר די אויסגווייניקע האָזן
אין דעם שטאָטישן פּאַרק.

דער ווינטער ווערט קאַרג,
ווי מיין קליין תּהילימל,
וואָס נעמט אין זיך אַריין
אַלע פּאַרכטיקע שאָטנס
פֿון אייערנעכטנס
ביז צום שטילסטן רויש
פֿון די שטומע ביימער.

שטערן מאָלן סטעזשקעס
צו די הימלען.
די נאַכט בינדט צונויף
מעשׂיות
יעדן אָוונט.
די האָזן שטעלן זיך,
ווי ביכער־טאָוולען,
אין די לעמפּלדיקע שייבעלעך
אין עסזאַל
פֿון אונדזער הויז.

ווונדערלינג,
צעשפּרייט דעם יום־טובֿ־טישטעך
און צעשנייד לבֿנה־פּענעצלעך
פֿאַר זייערטוועגן —
ס׳איז די שעה פֿון בענטשן צוזאַמען.

אין דינער שטילקייט

אומעט דו —
לאָז מיך אָפּ.
כ׳גיי פלאַנצן אַ ליד
אין דינער שטילקייט
פון ערב נאַכט.

דו בלי אין דיין פאַרביי.
כ׳וועל אויף ס׳ניי פלאַנצן דאָס ליד
אין מויל
און אין לשון
איידער־איידער דער טאָג
וועט פאַלן אויף די צווייגן.

דאָס ליד וועט וואַקסן
צוקאָפּנס פון שטיין
אייביק אַליין.
די נאַקעטע שעה וועט זינגען גרין
אַלע ווערטער און אותיות
אין דערוואַרטונג.

אומעט דו —
טרעט אָפּ פון מיין גן־עדן־גאָרטן.
די שוויינגשאַפט איז פול מיט
שטערנשריפט
און די נאַכט וואַקסט — אַ זינגענדיקע מדינה.

ביאָגראַפיש

דער טייך איז אָנגעצונדן מיט ווייסן שוים.
אַ ליאַדע שטיינדל וואָס איך וואַרף
פּאַלט פליגלדיק שאַרף אינעם אָטעם פון רויש.
דער ווינט דערביי לעשט אוים די ליכטער אַרום ברעג.
נאַכט צאַפּלט זיך
צווישן אָפּגעקילטע שטיינער.

און איך —
דער באָרוועסער יינגל, דער דיכטער אַליינער,
צעשפּאַלט דעם טייך,
די אָפּנקייט פון אַ בוך.
כ׳לייען די לידער פאַר שלעפעריקע כוואַליעס,
אַלע מיינע יונגע לידער, —
זיי וועגן מיך אַריבער.

ס׳קומען מלאָכים, די פייגל,
פון אַלע פיר ווינקלען,
פון אונטן, פון אויבן.
צעוויקלען די לידער אויף ווענטקעס
פאַר סטאַדעס פיש
וואָס וועגט זיי אַריבער.

דערנאָך
איז די מאַמע אַריינגעשפּרונגען
אין טיפסטן תהום
פון אָוונטפאַל,
פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיין.
בין איך ווידער
ביים ברעג געבליבן אַליין,

דער באַרוועסער יתום
פון זומערלאַנד פאַרטריבן —
אַלץ טיפער אין סוד־שפּרונג,
אַ ציפער פון זיבן.

וואָרט, פאַרב און וווּנדער —
מאַרק שאַגאַלן.

פּאָרטרעט זיכזעלבסט

אַריינפיר

אין אָנהייב איז געווען אַ ציג,
דערנאָך — דאָס קאַלב.
שלום-עליכם און שאַגאַל
דורך פרילינגדיקע אויגן —
מיינע ערשטע זילבן.

דערנאָך איז געקומען
וואָרט, פאַרב און גראַם.
די אויפגעמישטע בלעטער
פון מיין שטאַם.
אין אויסגעוואַשענעם פרימאָרגן
תּפילין — מיין פאַרמעג.
דער דרויסן מיט גרינע תּפילות —
מיין ביבליאָטעק.

און ס׳איז געווען דער זמן פון צעבליטן אָנהייב.
גאָט איז געקומען,
פאַרזייט מיין נאָמען:
אמן.

זשאַרגאָן
פון וואָרט
און צויבער
האָט זיך צעבליט אין מיר
מיט זומערדיקן וווּנדער.

א

אין יעדן ברונעם
טונקען זיך ניגונים,
טונקען זיך מער און מערער
אין פֿאַרטייעטע זומערשטראַלן
דורך דיביימער:
יעדער אות איז דיין מאָס
אין די כּתבים.

שושנה בין עמקים.
כ׳בין גערן צו טרינקען
דעם אוראַלטן וויין
פֿון זומערדיקן
באַשאַף.

זאָל דער מערבֿ ליכטיקער ווערן.

ב

דער פאַסטעך פון מיין זכּרון
שייערט די פאַררוּיכערטע לבנות
איבער מיין שטאָט
און פירט מיך ביי דער רעכטער האַנט
צו ראַטעווען יצחקן —
זיך אַליין,
קעגן בלוטיקן פרימאָרגן.

און יצחק גלייבט דעם טאַטן
ווי איך גלייב מיין ייִדישן סטראָף:
כ׳וועל דיך ניט פאַרלאָזן, צעפליגלטע שורה,
ביז דער חשבון פון אַלע שטערן
וועט אויסגעגלייכט ווערן.

ג

ווען דער זומער איז געקומען,
האָבן אַלע שויבן געזונגען
די יונגע שירה: שלום-עליכם,
די טויבן אַנטקעגן: עליכם-שלום;
די זון האָט אין יענער רגע
אויף מיין של־ראש
געדאַוונט שחרית מיט מיר.

וווּנדער איבער וווּנדער!
אין יענעם יונגן זומער
איז שאַגאַל געקומען
מיט בוקעטן בלומען,
באַצירט מיין הויז
מיט פאַרביקע פסוקים:
יברכך.
דער טאָג איז שענער געוואָרן.

כ׳האָב געבענטשט
די ציג און דאָס קאַלב —
דאָס שטעטל אין געטלעכן קאָליר.

ד

דער מאָרגנשטערן
האָט באַפרייט יעדן אות
פון באַפעדערטן פליגלפלי.
באַלד נאָך אים —
דער דרויסן,
אַ הייסע קיך
מיט צעגליטע פאַרבן,
האָט געלייטערט גלויבן.
איך האָב אָנגעהויבן
איינצוזאַמלען
שאַגאַלס שיינקייט
אין מיינע אויגן.

ה

אין ראָם פון מיין שטאָם

דאָס ציגעלע אין געקרייזלטן גראָז,

דאָס קעלבעלע אין ריינעם שטרוי,

פּרקים׳ווייז

אין שויב פון זכּרון.

איך מיט זיי —

אין טיפן בלומענוואַלד

פון ייִדישע סטראָפן,

אין ליכטיקן ייִנגלטום,

אַ געקאָרמעטער מיט שבת־שירה.

יאָרן שפּעטער,

דער ווינט —

אַזוי צו זאָגן:

כ׳ברענג דיר דעם ריח

פון היימישן ניגון,

וואָס לאָזט זיך ניט פאַרוויגן

אויף דיינע שטאָטישע שטיגן.

געבענטשט זיי אין דער צעבליטער שפּראַך

פון אויפגעוואַקסטן דרימל.

כ׳האַלט אין האַנט אַ יוגנט־שפּיגל —

דעם ייִדישן הימל.

ו

שעם זיך ניט, שעם זיך ניט,
ייִדישקייט דו,
זעץ זיך אויף מיין שוים.
אָט ברענג איך דיר
פאַרביקייט
פון שאַגאַלס פריש-געבאַקענעם ברויט.

און איידער וואָס, איידער ווען —
די באַן פאַריאָגט זיך ווייט.
כ׳האָב געבענטשט די פרישע פאַרב,
צעקושט די הויט פון זיין כּלה.

ניט נאָר איך, דער זומער אויך,
מיט צעקאַמטע זוניקע מיילן.
אות און פאַרב און ליבשאַפט צוזאַמען —
ייִדישקייט דו,
די שפּראַך פון פלאַמען.

ז

די בלינדע פאַרבן פון ווינטער
פאַרפאַסן
צווישן שטאָט און שטעטל,
צווישן שלאָף און חלום,
אַ פרק אינדערשטיל.

ווי פרי איז יוגנט,
ווי שפּעט איז עלטער?
אין רויטן מום פון זונפאַרגאַנג —
מנחהדיק דער בלעטערפאַל.

קיינער ווייסט ניט
דעם שפּיל און שגעון
פון אויסגעשטערנטן דרימל.
יוגנט רייסט זיך צום הימל
מיט יונגפּיסיקע רעגן-קלאַנגען,
מיט אולטראַ-אולטראַ גראַמען.

זשאַרגאָן
פון וואָרט און צויבער,
ווי ערשט געמאָלן
אין געטלעכן ווונדער,
אמן.

נאָכוואָרט צום פּאָרטרעט זיכזעלבסט

שיין זענען די ווערטער פון יידישע שורות,
מעכטיקער פון פּיקאַסאָס געמאָל.
דאָס מאָל זינג איך אויסער פּאַסאָן
שאַגאַלישן טאָן —
דעם חד־גדיא
פון פאַרב און טרערן.

און גאָט
אין ווערגנדיקן רויך איבער מיין שטאָט,
שטראָפט מיך
מיט וווּנדער פון שטיינערייַ
אין דעם קאַלטן סדר
פון
אויסטערלישע בריקן
צו זיין הימל.

צווישן אלף און תו
האָב איך באַשאַפן
פון זיינעטוועגן
וואַרעמע יידישע שורות —
צום האַר פון באַשערטקייט.
אַלץ אים געשאָנקען:
די אליינקייט און שיינקייט.

די גאַס פון גאָלד און אַש
שטראַלט מיט שירה,
מיט בלעטער פון לידער,
אַזש צו קוועלן.
שיין און היימיש די פאַרביקע ווערטער
פון יידישע שורות —
אייביקער פון פּיקאַסאָס געמעלן.

די זון הימלט מיט סימבאָלן

שיפֿן מיינע, שיפֿן מיינע,
זעגלדיקע שיפֿן זיבן
פֿון מיין יוגנט.
אין גאָלדענעם גלות מיינעם איז פֿאַרשריבן,
אַז איך שמועס אויך יידיש מיט די ווינטן,
בעת כ׳פֿאַראַנקער זיי
אין בעלמאָנט בעי.

פֿריידן זעגלען אין די ווינטן,
אין דעם שאָקלענדיקן האָפֿן.
כ׳הער דעם בלאָזנדיקן האָרן.
דער ים איז גרייט.
די זון הימלט מיט סימבאָלן.

סע זיפֿן כוואַליעס.
כ׳זע זיך ווי נח ביים רודער.
ס׳געשעט אַ ווונדער:
דער ווינט איז מתפּלל,
און די טויב די ווייסע
צעפֿליגלט די ניגונים איבער אַלע ווייטקייטן.

סאַראַ מעכטיק אויפֿגעוואַכטער ים
פֿאַרוואַנדלט פּלוצלונג אין אַ שטורעם.
אָט וואָס איך זאָג צו די ווינטן:
כ׳שרעק זיך ניט.
אלהים האָט מיך באַשאַפֿן אין זיין פֿורעם.

וואַקאַציע ביים ים

כ'לייען יידישע לידער ביים ים.
זאַמלען זיך מיט וווּנדער צוזאַמען
כוואַליעס פון אַלע ווייטע ימען
צו מיינע פיספינגער בציבור.
באמת, אַן עדה פון פאַרצייטן,
מיט חידוש
צו הערן מיינע יידישע שירים
ביים ברעג ים.

אין זאַמדיקע אַרומען
די ווינטן צווישן זיך:
אַז איך בין דער אויסגעפּשרטער
משורר
אי פון רעגן, אי פון טרערן,
אויסגעבאָדן מיט שטאָם־בענקשאַפט
איבער דער גלותדיקער ערד.

כוואַליעס פון אַלע זיבן ימען
מיט וואַסערדיקע אויגן
האָבן אַריינגעקוקט אין די ליפּן־סודות
פון מיינע שורות, מאַמעשי־יידיש־שורות —
פון די זיבן שאָטנס וואָס זענען איבער
אַלע לענדער געפלויגן,
צו באַדעקן אַלע ביינערדיקע פעלדער
מיט מורמלענדיקע אותיות פון יאָמערדיקן
אַלעפבייס,
צונויפגעסידורט מיט די אָבות
אין מערב־שפּיגל פון פאַרנאַכט.

די זון האָט געצוואָגן מיט גנעדיקע שטראַלן.
פֿון די ביימער די בלעטלעך האָבן געקילט
די הייסע שאלה פֿון מיין איצטיקער ווײַלע.
געפֿילט זיך פֿריי ווי אין אָדמס גן־עדן, מסתּם.
אַזוי פֿיל חודש אָן בלעטער שווימען אין ים,
מיט נאַסע זונשטראַלן אויף די ברעמען,
געצערטלטע אין כוואַלישע נעצן.
ס'זענען מיינע סטראָפֿן געוואָרן פֿייגל,
און די ווערטער, מאַמעשי־ייִדיש, די נסיעה
צו די יונגע טעג, צעבליטע אין ספֿרים.

ס׳איז די יוגנט אַראָפּגעשפּרונגען
פון מיר
מיט פסוקים פון מאַידאַנעק.

פון הייסן אַש

א

אין הייסן אַש האָב איך אַ ליד פאַרפלאָנצט.
דער זומער האָט זיך צעטאָנצט
מיט מתים אַנטקעגן
אין צעסמאַליעטע קאָלירן.

תּפילות
פלאַקערן פון די ביימער.
שפּורן פון מיין ליד
פון הייסן אַש —
צעברענטע פאַרבן.

די פייגל
מיט נאָך יונגיטשקע געזאַנגען
פלאַטערן
פון שחרית ביז מערב
אַרום
צערידלטע גריבער.

אין שעהען פון כּי טוב
און אין פרישקייט פון זומער —
פלאַמיקע ריחות טליִען נאָך
אין אונדזערע שטיבער.

ב

דער טאַטע שלאָפֿט אין וואַלד,
די מאַמע אין גאָרטן.
דאָרטן וווינען אַלע פֿייגל,
דאָרטן זינגען אַלע ווינטן
אין גן־עדן דעם באַגרינטן.

דער מענטש איז געבוירן צו שטאַרבן.
טויט פֿאַרמאָגט זיינע אייגענע פֿאַרבן,
לויטער ווייס און קדושהדיק —
ער לאָזט זיך ניט פֿאַרדאַרבן.

דורך טרערנפֿולע וואָלקנס
דער רויך שרייבט צום הימל
אָפּגעגבּרענטע נעמען.
די זון מיט שוואַכע שטראַלן
אויסגעבאָרגט הינטער זיי
טוט זיך שעמען.

ג

יעדן תּמוז — צו דיין יאָרצייט —
שרייב איך אַ בריוול
צו אַ פעלד פון מתפּללדיקע גראָזן.
אָנגעצונדענע טוייִקע ליכטלעך
פלעמלען אַרום דיין בערגל-בעט —
דינענקע דו
אין הייליקער רו.

נאַכטיקער הימל מיט שטערן-אויגן —
דיין שומר.
אין וואָרט-געפלעכט פון מיין בריוול
שיינסט תּמיד לכּבוד תּמוז
לויטערער אין מיין טרער
פון שבת-ליכט,
פון שטערן,
די שטומע שיינקייט אין אַלע מיינע ווינקלען
צו באַפליגלען
ביינערדיקע דו
אין הייליקער רו.

טיפע שטילקייט דיינע
אין צעשניטענעם שווייגן.
די כמאַרעס באַרעגענען
אַ פורל ווייגענדיקע בלעטער
אין אַ פעלד פון מתפּללדיקע גראָזן.

ד

די מאַמע איז געווען יונג,
די ליבשאַפט אירע — יונגער.
כ׳באַוויין איצט איר שטילקייט,
די איידלקייט דורך יסורים־צינגער.

כ׳בין פון אירע שיינע אַקסלען
אַראָפּגעפלויגן צום דריטן יאָר
אין שמאָלן חדר־צימער.
מיין שלאַנקע מאַמע, אפילו אין תכריכים,
איז געווען שענער פון אַ בלימל.

איצט שרייבט מיין מאַמע צו מיר
אויף יעדן בלעטל
וואָס בליט ביי דער טיר.
ס׳איז יעדער פויגל איר שטאַפּעטל.

די לופט איז פול
מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען",
מיט אירע בשׂמים.
אין גאָרטן שלאָפט איר יוגנט —
אַ בת־קול, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרוואַנדלען.

ה

אין מיינע דלד־אמות פון מויערן
און שטאַנגען
האָב איך פון שטאָלענע פינגער
אויסגענערט
די געבוירענע קלאַנגען,
אָנגעטאָן זיי אין אַלף־בית
געזאַנגען.

דעם הייליקן געזאַנג פון אַלע געזאַנגען
געמייסטערט צווישן פליגל און כוואַליעס,
מיט פייער אָנגעצונדן.

אַלע פרעמדע געטער
אין גרונט פאַרטריבן.
געבליבן איז נאָר די מאָס
פון שטילשווייגן.

געבליבן איז בלויז געטלעכער סוד
אין די הייכן.
קלעטער איך
אויף דעם יִדישן אָנגעצונדענעם לייטער
די היימישע אייביקייט דערגרייכן.

ז

אויב דו רעדסט פון אַלטע גופים, געביינער,
פון אַלטע זכותים,
די רייד פון מיין פאַרוואָגלטן פעטער,
וואָס האָט חסידיש געזוכט
אין ווילד געוויקס
זיין רעטער —
פאַרפּלאָנטע די רייד
צווישן ביינער אומדערקענטע.

ער, אלהים,
וואָס טרינקט אָן אַלע טיפענישן
מיט ברוזיקער פלייציקייט,
האָט פאַרטראַכט
אַ רעגן
אָנגעטרונקען מיט טרערן,
צו פאַראייביקן די בלינדע בלומען
צווישן ביינער אומדערקענטע.

ז

א שוועלבל די טרער —
אַנצוּוואַרעמען
דעם מת
וואָס ליגט רחמימדיק
מיט אַ פּרשה שווייגעניש
אינמיטנוואָכיקייט.

אין דעם באַבלומטן היכל
פּעלט אוים אָטעם
און שמייכל.
אַ ציטערדיקע ליכטיקייט
אין די פינגער־קנייטשן.

מיט אַ כאַפּטע יאָרן פון טויבע מזמורים
זיי זיצן לשון־קודשדיק פרום
צווישן אָפּגעשיילטע הללויהם
אין סאַמע צענטער פון חלל —
זיבן מאָל שטומער
ווי די שטילקייט
פון זיין ווידוי.

צווישן שענסטער ריידעריי
און גן־עדן
איוב.
אין די ליפּנרייד
פון מאַנען,
לאָמיר פאַרטראַכטן אַ נייעם טרויער,
לזכּרון.

ח

צום אָוונט זענען געקומען,
דורך דעם טייכיקן שפּיגל —
די אָפּגעפאַרבטע סטרונעס
מיט לאַנגזאַמע פליגל,
מיט שלאָף.

נאָך דעם — דורך די שויבן —
שטילקייט,
בין־השמשותדיק,
פון אַ צוגעטראַכטע מעשׂהלע,
אַז די שקיעה־פלאַמען
זענען ענלעך גאָר
צו מאַמעס האָר.

די מאַמע, באַוועלטיקט
מיט טויבע סודות
אין סאַמע סוף פון פאַרשטיינערטקייט,
דעמערט מיט צעשאָכטענע פאַרנאַכטן
אין פלאַקער
פון זכּרון.

ט

עלטערשאַפֿט
ליגט איינגעפֿאַלן
נעבן בלינד־געוואָרענע קאַלטע שטראַלן,
מיט סימנים
פֿון
אַן אויסגעלאָשענער
שׂריפֿה.
אין די צאַליקע טיפֿע קנייטשן —
אַן אָפּגעגליטע נאַכט
מיט אַלט־געוואָרענע מחשבֿות.

די שטילקייט
איז באַגרויט פֿון רעגן.

י

דער זומער איז ניט צו קיינעם.
אינטימער האַרבסט איז מער
ווי בלעטערפֿאַל.
דאָס איז זמן פֿון צעריסענע זעגלען.
נאַקעט ווי דער ווינט.
דער ווינט איז פֿריי.

פֿון די ביימער
בלאַסע שטאַפּעטן צום קלוגן מכשף
זאָלבן די אַלע סכּנות
פֿון ערב שנייִקייט.

דאָס איז זמן פֿון טויטע בלומען,
פֿון כמאַרעס און רעגן.
ווען די בלומען שטאַרבן,
ווער איך אויס אָדם
אויסער דעם גן־עדן.

יא

טראָפּנס גוטסקייט
וואַקסן אויף די שטיינער.
איז מיר טויזנט מאָל שווערער
צו דערהערן
זייער
אויסגעהאָדעוועטן צער.

אַ טיף-פֿאַרקלערטע שעה
טוט ריידן:

נעם צונויף אַלע פידלען
פון אַלע ביימערצווייגן,
וואַש זיי אין קלאָרן טייך
פון דיינע אויגן,

וועסט דערקענען
הימלישן ניגון אין זייער שווייגן.

די באָבע איז געשטאָרבן

די באָבע איז געשטאָרבן.
אַלץ איז מיטגעשטאָרבן:
אירע תּפילות,
מחשבות.
דער טאָג איז בלאַסער געוואָרן.

געבליבן איז איר שטעקן,
אַ געדעכעניש
פֿון מופֿתים און וווּנדער,
אַ שותּף און אָנלען
אין איר הינקענדיקן לעבן.

די באָבע איז געשטאָרבן
ערבֿ־שבת
אין מיטן ווייסן ווינטער,
אַ פֿאַרכטיקע,
ניט צו פֿאַרשפּעטיקן
די הייליקע רגע,
איידער דאָס לשון ווערט אויסגעלאָשן.

דער טרויער איז געקומען
מיט ווערטער איינגעהאַלטענע
אין אַלטן מויל פֿאַרשמאַכטן.
דערנאָך,
פֿאַרפֿעלטער אָטעם —
מיט מורא פֿון אויסגעלאָשענע פֿאַרנאַכטן.

די באָבע מיט ליכטיקע פֿינגער,
מיט שנייִיקע סימנים,

מיט קאַפּיטלעך תּהילים
אין זויבערן שלאָף.

אַ לוויה, באָבע,
איז תּמיד אַ פֿאַרברעכן.
די טרערן פֿרירן.
זי איז גרייט מקבל זיין איר רו.

די לעגענדע

זיי ניט באַזאָרגט, קינד מײַנס,
אַ לעגענדע שטאַרבט אויך.
ווײ־און־ווינד —
פּאַטן אויך.
שטערן אַפילו פאַלן
נידעריק
אַראָפּ.

קינד דו,
ווען די נאַכט צינדט מײַן טינטער אָן
מיט לעגענדעס,
ווער איך פאַרקנסט
צו פסוקים און געשיכטעס
פון גאָלדענע פּאַוועס
און גרויסאויגיקע סאָוועס;
פון לילית די מויד
מיט אירע זינדיקע בשׂמים,
אײַנגעקלעמט צווישן טאָג און נאַכט.

די באָבע,
אײַנגעקאַרבט אין מכשפס אויג,
איז די גרויס פון אַ פויגל.
די באָבע, אַ קליינע מעווע,
פליט איבער רוישיקע כוואַליעס
דורך ווינט און רעגן —
צו געפינען איר פלאַטערדיק האַרץ
פון אַ מאָל
אין געקרײַזלטן ים.

קינד מיינס,
ס'פעלט אונדז אוים
איר גרויסע ליבשאַפט.
אַלץ דרימלט ווי די סאָווע,
אַלץ איז אָפּגעגאָסן מיט נאַכט.
געבליבן איז נאָר די גאָלדענע פאַווע,
מיט אירע פאַרצייטיקטע קאָלירן
פון וואָר און צויבער
— אין אויפגעפראַלטן פרימאָרגן
דער אויסגעבלויטער חלום
פון באָבעס לעגענדע.

אין רויטן ראַם פון פאַרנאַכט

אין באַוויינטן הארבסט
דער זומער ליגט אויסגעלאָשן,
דערטרונקען
אין אָפּגעקילטן זאַמד,
טויב-שטום צו מיינע טריט.
אָן ענטפער,
אָן ווידערקול.

נעכטן
האָב איך אויסגעקאַמט די זון
פון דיינע האָר
און פריי צעשפּילט
אין רויטן ראַם פון פאַרנאַכט
די ווינטן פון ים.

גענמיינט —
די בלעטער קלייבן זיך ווידער פליִען
ווי געשטאַלטן
צום אויפגעמאַכטן הימל.
דער צפון-ווינט ביז צום דונער
רייסט זיי פון די הייכן.

מיר זענען נאָכגעגאַנגען די לעצטע שטראַלן
מיט כּל-המינים זאָרגריי
אין באַוויינטן הארבסט.

כ׳שלינג די ליכטיקייט
מיטן ברויט צוזאַמען.

פליגלפאָכיקע פלאַמען

אין בלוילעכן באַגינען

אין בלוילעכן באַגינען
די בלעטער פון מיין סידור
פליִען העכער, העכער
אַריבער די גאַרדינען.
כ׳שלינג די ליכטיקייט
מיטן ברויט צוזאַמען.

דאָס לשון אין די שויבן
איז פריש,
מיט זוניקייט אָנגעזויגן.
פרימאָרגן איבער מיין דאַך
ליגט ווי אַן אייגענער
אויסגעצויגן.

דער זייגער אין גערודער
וועקט יעדע שעה באַזונדער.
כ׳כאַפ זיך אויף.
כ׳ווער ווונדער.
כ׳צעשנייד דעם שמאַלן ברויט
אין דינער הייליקייט
פון המוציא —
אין אייזערנעם וואַלד
פון אָנהייב־מאַנטיק.

ואהבת

ואהבת...
כאַטש נעם זיך אַליין אַרום
מיט הייליקייט פון אות און גראָז
און טרייב זיך הויך
צו דעם אָפּגעגאָלטן פרימאָרגן.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אדון עולם?
דיין הימל איז מיט אייטערס שטערן.
כ׳טרינק פון זיי
דעם אייביקן לחיים
צום צעבאָלעוועטן חלום.

אין דעם צעפרישטן בלעטערבלי
לאָמיר זיך אָנטרינקען
מיט דעם ערשטן פרישן רעגן.
דער טאָג, צעפלאַקערט אין גרינע פלאַמען,
איז פול מיט געבערן.

דאָס ליד פון האָניק־זומער

דער טייך ווי מיין יונג־ווייב גלעט מיין לייב.
די כוואַליעס מיט מיינע קינדער
קייקלען זיך אַראָפּ פון מיין האַלדז
אין שבתדיקן לאַנד
פון רו.
די שויבן ווערן פרומער
מיט זונפאַרגאַנג.
אַלץ ווי אין אָנהייב
מיט בענקשאַפט
אָנגעצונדן.

די בינען זינגען
דאָס ליד פון האָניק־זומער.
אין די בלומען־אויערן
אין אָט דער זיסער אויפגעוואַכטקייט
פון אַזוי פיל פאַרבן
כל עצמותי תאמרנה...
טוליע מיך צו דיר:

כ׳וויל ניט שטאַרבן.

שפּעטער
ביים לעמפּלדיקן אורטייל —
די נאַכט
ווי פון אַ טינטער אויסגעגאָסן:
אדון עולם,
וויפל פון דיין שיינקייט האָב איך אויסגעלאָשן?

שטראַליקער גערויש

אָט שפּראָצט ווידער
צעהוליעטער גרינער ניגון
אין לייב פון דער ערד.
גאַנצע בוקעטן
געבעטן
אין נייעם ציטער
דער שטראַליקער חג.

ס'איז די לאַנדשאַפט אַ קאָלירפולער סידור
מיט מעכטיקע געמעלן
מיט באַלוינטע קאָלירן —
צעדאַווענטע שורות
פון יום-טוב.

פליגלפאָכיקע פלאַמען ביז צום הימל
באַרירן
אין זומערדיקן שפּיגל
קאָלירן
פון אָנגעצונדענע רויזן.

רעגנרייד

פוןביידע עקן גאַסן
קומט דער רעגן
מיט צעמאַלענע שפּיגלען.
יעדער טראָפּן — אַ גלעזל ליכט —
אין מיין אויג
זוכט חסד.

ס׳רינט די נאַסע ליבשאַפט
פון מויל צו מויל
אין די פאַלדן פון פייכטן ווינט.
פון וואָלקנדיקן קריגל
דער הימל
באַשפּריצט מיט ברכות
אי דעם גאָרטן,
אי די פליגל.

און איך אַליין,
קעגן אַזאַ באַשערטן נסיון,
שלינג אַראָפּ
די אַריינגעשוווּמענע נאַסע קושן
פון ביידע עקן גאַסן,
אָנגעקליבענע אויף מיינע ליפּן.

האַרבסטיקייט

אויב איך וועל זאָגן,
אַז דער זייגער איז אַ ליגן,
וועסטו מיך פֿאַרגעבן
מיין פּאַרשפּעטיקטקייט?
דער ווינט איז שאַרפֿער
פֿון אַלע ווייזערס
פֿון אַלע ציפֿערן.

אויב איך וועל זאָגן,
אַז צווישן זוניקע געוועבן
האָב איך דעם וועג פֿאַרלאָרן,
וועסטו מיך פֿאַרגעבן?
דער ניגון פֿון ווינט
האָט מיך פֿאַרפֿירט
אין דיין אייביקייט.

אָבער שיין בלייבסטו
צווישן אָראָפּגעשאָקלטע צווייגן,
געלייטערט און ליכטיק
אין אָפּגעקילטן שווייגן.
שיין אַפֿילו
אין דעם באַוויינטן שטאַרבן,
אין די שטומע לשונות פֿון אָפּגעמעקטע פֿאַרבן.

לאַמענט פיר אין דער פרי

למנצח

שטערן און פייגל
און איך און דו.
די שעה פרעפלט
אַ ברעקל תהילים.
דער מלאך השלאָף
רייט אַראָפּ פון די אויגן.
דער טאָג איז טאַטעלאַנד.

דער רעגן לויפט אונדז נאָך
מיט אויסגעוואַשענע אותיות.
רעגנטראָפּנס, מיין קינד,
גאַרן אויך
נאָך ליפּן,
נאָך ברכות.

ניט אַלע טראָפּנס זענען גלייך.
ניט אַלע טרערן
זענען ריין.
בנגינות מזמור פיר —
פאַרטייטש ווער איז זי?

זי איז די נאַכט
מיט סוד און חלום
איבער וואַסער און איבער וואָלקנס.
זי באַשאַפט
דעם צעבענקטן אמת
אַריבער דעם באַגינען.
זי איז נאַכט.
זי איז מאַמעלאַנד.

לאַמענט פינף אין דער פרי

מן המצר

מאַכטלאָז איז די שעה
פון אומגעזעטיקטן חלום
קעגן די ערשטע שטראַלן.
גאָלד,
מילך
און זונפלעקן
טוען די נאַכט פאַרדעקן.

וויינט די נאַכט
אין טיפע עמערס
דעם געזאָלבטן טרויער.
פאַר די זינד
און מחשבות
אין חשכות געפאַנגען.
פאַרן איינגעשלעפערטן גליק —
אַ ליכטל די גרוים.

דערלייז מיך
פון שוואַרצן סמבטיון,
כ׳זאָל ווידער קענען
גלעטן
די קנייטשן
פון דיין וואַלד,
כ׳זאָל ווידער קענען
בענטשן
צעבליטע פרייד.

חצות —
אויפן שוועל פון פרימאָרגן
די פעדערן
ווערן תּפילות,
די לידער —
שטראַלן.

לאַמענט זעקס אין דער פּרי

היום יום.

דורך צווייגיקע ווערטער
פון מזמור
איז קלאָר געוואָרן
די פליִיצנדיקע שטילקייט
אין די אויסגעלאָשענע שויבן.
די אויסגעלייטערטע קלאָרקייט
פון פרימאָרגן
אויף די ראַנדן,
אויף די שוועלן.
די אויסגעוואָרעמטע חכמה פון עלטערשאַפט.
די ליבשאַפט וואָס צעוויגט זיך
רייצנדיק
צו שירה.

כ׳לויב גאָטס וואָלקנדל
וואָס האַלט דעם רעגן געפאַנגען,
צו קענען באַוווּנדערן
די פרייד-באַגעגעניש
אין צעבליטן דרויסן,
די גרינע זומער-פעדעם,
היילנדיק
די ווינטערדיקע ווונדן.

דער רעגן, ווי אַ געבאָט,
פאַרשיכּורט אַלע פעלדער און וועלדער,
צעעפנט די שטומקייט
פון אַלע ביימער און גראָזן און בלומען
מיט אַ בינשטאָק לידער.

זומער, אלהים, איז דיין נאָמען.

III אַמעריקאַנאַ

ברענג מיר אַ שטערן־געטראַנק.
ג־ט איז שׂמחה אין אונדזער אַליינקייט.

דזשעזמעניאַ

א

מיין לשון איז שטום
אין אָנגעצונדענעם שייער
פון נאָטן.
אינוואַזיע — די טענער
אין אַלע טונקעלע קאָרידאָרן.
פייער, דו, גיי ניט פאַרלאָרן.
אין דעם איינגעוווייד פון אומעט
די פידל
וועקט
דעם באַפרייטן על־חטא.

מיידל, דו,
שענק מיר רו.

די נאַכט דיינע
איז פליגל
און מער.
אינעם צערויכערטן חלל
דער וויינענדיקער
ניגון —
אַ פאַרקאַפּטשעטע תּפילה —
וואָס לאָזט זיך ניט פאַרוויגן.

פליז,
ברענג מיר אַ שטערן־געטראַנק.
כ'בין קראַנק.
כ'וויל שלינגען פייער
אין נאַכטיקן שטראָם
פון אַליינקייט.

ב

דער מידבר דורשט נאָך וואַסער,
איך דורשט נאָך דיר.
טובל זיך אין די טיפע הייסע זאַמדן,
אין מיין הונגעריקער ליבשאַפט.

די נאַכט ליגט אָפּגעדעקט —
אַ געלעגער פאַרביידן.
די לבנה, אונדזער קישן,
געטריי נידערט אַראָפּ.

מיר בלייבן אַליין.
די פאַרזייטע שטערן,
אונדזערע שומרים.
האַלדז מיך ווי ווינט
דעם גרעזל
אין פלייצנדיקן געררויש.

טובל זיך, דו נקבה,
אין מיינע ליפּן
ביז באַגין.
מידבר, דו,
וועל איך ווערן אויס חיה.

ג

אַ צעוויגטער זמרל דורך די פּייכטע ליפּן.
געזאַלצענער גערוך פון אוראַלטן
טרויער
זינגט באַפרייט
אין צעהילכטע גלעזער.

דער קלאַרינעט
באַגלייט און טיילט צעפליקטן חסד
אין יעדן מויל.
פאַרקנסט יעדן יונג און מיידל
די פּייכטקייט פון ליפּן
אומצעשיידבאַר
אין געמיש פון שפּיגלען און שאָטנס.

די שטערן
פינגערשפּיציק
פליִען אַרום פון הייזעריקן סאַקסאָפאָן
מיט בליציקער יונגשאַפט,
מיט קאָסמישן על-חטא.
דער טאַנץ דערקוויקט נאָענטקייט.

פון אַלע פיר ווינקלען פליט אַרום די פידל.
די פיס ווערן פליגל.
דער פויקער, אַ פלאַמהאָריקער באַשעפעניש,
צעהילכט נאַכטיקע רעטעניש.
צעשפּריצטע רגעס
איינס צום צווייטן געבונדן.

אין פאַרקאָפּטשעטן קרייז,
ווי קינדער אין די וויגן,
קליינע טאַטעס און מאַמעס
דרעמלען
און שעפּטשען נעכטיקע לידערייען.

ד

אין צעשויבערטן פּאַקסטראַט
פון וואַנזין,
בתולה, דו,
אויפגעקניפּלט אַלע אָנגעצייכנטע אוצרות.
גבורהדיק אויסגעטרונקען
טויזנטער פאַרלאַנגען
אין הייסן האָגל פון דיינע ליפּן
אַ פאַרמישפּטער.

דיינע בריסטן
קרוגפול און אָפּלדיק
אויף מיינע ליפּן
ווי פרישע געמעלן
מיט ריח פון מילך.

כ׳ליג מיין קאָפּ אויף דיין בויך.
כ׳הער דעם אָנהייב.
די נאַכט איז מוחל אונדזער יוגנט
אין אויסגעלייזטן פייער.

ה

דער רעגן,
קאַרעלן אויף די שויבן,
זומערדיקער גאָב.
כ'האָב אויסגעקושט דיין יונגוואַלד־קאָפּ
ביז
ויהי בוקר.
ס'האָט געטאָגט.

דיין האַרץ
מיט „מודה אני"־רייד
דיך אָנגעצונדן.
מיט פרימאָרגן־שטראַלן
אויסגעטאָגט דיינע אויגן.
פרישער וואַסער
טייכלט
ווייכע מינוטן
אַרום דיין מוטערלייב.
די זון זינגט מיט ליבשאַפט,
מיט ריחות פון אַלע זומערן.

ו

מיין שטאָט איז שטיין,
גראַניט,
טעאַטער און לוסט.
מיין שטאָט איז ענג,
איז ווילד.

אין סאָבוויי איז ענגער
און ווילדער.
שאָקלסט זיך נאָענט צו מיר
ביים עקזיט־טיר,
צוזאַמענגעשוואָרן
אין דיין ליכטיקן שפּיגל.

בליצט די שעה
מיט טויזנט בלאָנדע פליגל
אויף בליציקע רעלסן
ביז צום שוועל פון טונעל.

ס׳צעפאַלט
די פינצטערניש
אונטער דיינע טאַנצנדיקע טריט.
כ׳ווער פאַרפירט,
צעבענטשט,
צוזאַמענגעצווילינגט
מיט אַלע דיינע זומערן.
זיבעצן־יאָריקע מיידלווייב,
צינדסט מיין לייב
מיט ליכטיקייט.

ז

דאָס גאָר קורצע קליידל
פון דיין אַכצן־יאָריקייט
אין די קאַוואַליערישע אויגן
איז מנצח אַלע פליגלען
בעת דער ווינט
באַלעטיש
וויגט פונאַנדער דאָס רעטעניש פון אָנהייב —
פאַרטייעטן צוזאָג פון שפּעטער.

שפּעטער
אין פאַרקאַפּטשעטן שענק
איז אַלץ מיטאַנאַנדער.
אָדם פאַרנעמט דיין געוויין
נענטער, אינטים.
דער רויך,
אָן ענגער וואַלקן.
דער געטראַנק אַ צוגעפאַרבטער מזל.

דער טאַטע איז אַלט,
די מאַמע איז קאַלט.
די גאַס, בעליוו יו מי,
אַ וואַלד מיט יעגערס.

די פידלען פאַרנייגן זיך
צו די בורגענדע פונקען
אין גלאָז.
יונג־געזאַלבטע מלכּה־שבֿא,
געזומערט מיט זונפלעקן
איז גליַיקער שפּיל
מיט שטערן־געגעבענע סיגנאַלן.

די נאַכט לאָקערדיק
לייגט זיך ביים שוועל
און טענער ווי שטערן
בליצן און פאַלן.

ח

די נאַכט פאַרצייכנט
פינצטערניש
אַרום די שויבן.

האָסט געעפנט די טיר
און איך בין מלך געוואָרן.
די פאַרפרוירענע שפיגלען
האָבן אין אַ ווילדער ליכטיקייט
זיך צעגאָסן.

ביסט אסתּר המלכּה געוואָרן
אין שוואַרץ־זיידענעם
נאַכטהעמד.
מיר האָבןביידע הימלישן מילך
געטרונקען
ביז בלאָנדזשעניש.
די נאַכט האָט אונדז ביידע פאַרבונדן.

די שטערן האָבן זיך געוואַשן
מיט טויזנט צעצויבערטע תּפילות
צווישן אונדזערע הייסע ליפּן.

ט

דער זייגער דורך פרימאָרגנדיקע ציינער
וועקט מיט געזאַנג
די רגעם פון אויסגעשלאָפענע שעהען:
מיידל, דו,
ווער וואַך.

אַ גאַנצע נאַכט געפלאַקערט
צו הונגעריקע ווייטן,
צו הויכקייטן געטריבן.
געבליבן מיט חלום באַקרוינט.
זינגענדיקע פייגל
וועקן נאַכטיקן שווייגן
אין טאָגס אויגן.

בלויז שאָטנס וואַנדערן
אין פינצטערניש
פון שטראָף.

י

יוגנט, דו,
הייסע, דו,
צוגעדריקטע, דו,

אַט זע:

פריש און ליכטיק דער שניי
איז מיך היינט באַפאַלן מיט גרינגער ריינקייט
און מיט חן,
צו זיין פאַרפלאָנטערט
אין פראָסטיקער שיינקייט.

פון יעדן צווייג
ניין מאָס ווייסע רייד
לויפן אַנטקעגן
דעם ווינטער־האָר
פון זיבן קרוינען.

פון די זיבן הימלען
בליצלען מיט קרישטאָלן
ווייסע רויזן
דורך די שויבן.
ס׳איז מיין ליד
ווי פון זילבער צעצויגן —
די ליכטיקייט
פון דיינע אויגן.

יוגנט, דו,
הייסע, דו,
צוגעדריקטע, דו,

אַריינזויגן דיך,
צו זיין געטרייער
אין ווייסן פייער.

ווי אָדם ערשט

א

וועלט פון זילבער און לויער
רוימט אין יונגע אויערן
דימענטענע סטראָפן פון אַכצן
פייערן
אין אָנגעצונדענע מויערן.
ווי אָדם-ערשט מיין באַגער
אין ווילדערניש פון דער נאַכט.

אפשר ניט ווי אָדם-ערשט אין באַגער,
נייערט קאַניבאַליש
געשלונגען
אַלע פרומע סודות פון דיינע אויגן.
אויפגעריסענע ווּלקאַנען
פון עולם-הזה,
די הייליקע קנעכטשאַפט
צווישן מיר און דיר.

אַזוי צי אַזוי, כ׳מוז געדענקען
דעם נייעם פרימאָרגן.
די זון איז געקומען
מיט רחמימדיקע נאָדלען
צו פאַרנייען
די נאַכטיקע ווּנדן,
פון צעריסענע שעהען.

עס הויערן
ביז היינט די צעקושטע פינגער;
די באַגלייבטע צוזאַמענמישן
אויף איין קישן —
כלה שלי,
סוד פון מיינע צאַפּלדיקע יאָרן.

ב

ווען די זון האָט אין דיינע אויגן
אָנגעצונדן
צאַפּלדיקן זומער־פלאַקער,
בין איך שיכּורער געוואָרן
פון דיין אומגעזעטיקטער ליבשאַפט,
פון זיסן ריח,
די מתּנה פון דיין לייב.
פון דיינעטוועגן
אויפגעקלויבן מזלדיקע בלומען.
שוועבנדיק
געטרונקען
די זאַפטן פון דיינע ליפּן.

אין יענעם זומער:
פון ביימער דאָס ווינטל,
פון ים די כוואַליעס,
גאָלדענע אַני־מאַמינס
אין פייערדיקן זאַמד צעקוועלט.

אין יענעם זומער
האָב איך פון דיינע יונגע פּיספינגער
אַלע חושים אַרויסגעזויגן
און פרעך און פרום
פרייד אין דיר פאַרזייט.

ג
ווי אַ יעגער אין געשולטן געיעג
דיך נאָכגעלאָפן,
נאָכגעיאָגט
דורך נאַכטיקע פּאַסטקעס,
געצילט
אין דיינע רייפע בריסט
פלאַפלדיקע ראָזלעכע רייד
אין דער שׂריפה פון דיין בעט.

ענדלעך דיך געפאַנגען.

אין רויטן אָפּשיין פון דיין פלאַם
צווייגן־מוזיקאַנטן
האָבן צעשפּילט אַ הייסן ניגון.
כ׳האָב געמיינט אַז דו ביסט צנועהדיק
באַשייד
מיט פידלרייד.
נאַכטיקע רעטעניש, דו,
פאַרזיווגט
אין עראָטישער פרייד.

צווישן אונדז ביידע —
צעוואַלגערטע שטערן
תאווהדיק
מיט צוגעזאָגטע גן־עדנס.

ד
ווינטער.

דער שניי יונג און ווייך
כּולו רחמים
לויפט אין מויל אַריין
מיט אַלאַדינס לאָמפּן,
אַ בלישטשענדיקער געהער —
דער זומער ליגט איינגעשלאָסן.

זיי מיר מוחל, טייערע,
אַלע דימענטן האָבן זיך אויסגעלאָשן
צוליב
מיין ערשטן מאַרד
מיט מיין טראָט
אין האַרץ פון שניי.

די אומשולד, ווו?

אין ניסים-טאַרבעס
פון אַ פאַרשלעפּטן זומער,
וואָס וויל ניט שטאַרבן
אין די בלינדע פאַרבן פון ווינטער.

אין רויטן קאַם

דאָס גלעקל ברענגט די בשׂורה,
אַז דו שטייסט ביי דער טיר.
כ׳פיר דיך אַריין מיט שפּורן
פון צעפלאַמטן וויין.
כ׳הייב ווידער אָן צו פליִען,
אין הימל פון זכּרון.

אונטער דיין גלעטעניש
ווער איך פליגל
מיט חושים פון כוואַליעס,
וואָס טראָגן מיך טיפער
אין בייגיקייט דיינער
פון יונגן אַמאָל.

אין רויטן קאַם, אין דיינע האָר,
די זון פאַרגייט בלוטדורשטיק —
אַ שווימענדיקער פלאַם.

ביסט געקומען זיך געזעגענען.
די בין האָט געוווּסט דעם סוד
פון דיין שווייגן,
פון פאַרגאַנג.
כ׳האָב איינגעזאַמלט בשתיקה
דיין ליבשאַפט פון צוריקקער,
געהאַלדזט דיין צוזאָג,
געווישט דיין טרער.

דערנאָך —
איז די נאַכט אין דינער שטילקייט,
אַ זינדיקע,
געלעגן צעריסן.

אין דער שעה פון כמאַרעס

די הייסקייט פון מיינע רייד
דורך אַלע פינגער מיינע,
מיט ווונק און טייטש,
דער יובל־שאַל פון וואַרעמע ווערטער —
ווען די גאַס איז פון טויזנט כמאַרעס צעריסן.

בלייב מיט מיר
אין דער שעה פון כמאַרעס.
בעת זיי פלעכטן פונאַנדער
דעם רעגן,
ווערט די שטאָט מיטגעריסן
מיט דעם איינציקן אמת:
זוניקייט.

די שווערע לאַסט ווערט פּלוצלונג
מיט ליבשאַפט אָנגעצונדן.

צעבראָכענע שליסלעך

אין יעדן פענצטער וויינט אַ קינד.
די רעגנטראָפּנס וויינען מיט,
אין די שויבן.
דער ווינט ווישט אָפּ די טרערן פון זייערע אויגן.
אַ גילגול פון ווילדע גראָזן,
אויסגעטריקנטע דערנעבן.

צעשפּליטערטע ציגל, ווי קאַלירלאָזע מתים,
אין די טיפע גריבער:
„זיי געטריי דעם ליידיקן תהום
אונטער דיינע פיס.
גאָט אַליין האָט עס פאַרפּלאָנצט פון דאָרט אויבן".

דזשעמינאָס געוויין ווי פון גרוב אַרויסגעגראָבן.
אָט, דאַכט זיך,
אויף די דאָרע צווייגן דער זומער בליט
הייזעריק און פאַרעלטערט:
גיי, ווער דער טאַטע פון טויזנט צעבראָכענע שליסלעך — —
אַ צעגלעקלטער גאָט
פון טויבע טירן.

די לבנה אייביקט דאָ, ווי אַ לאַטע.
די נאַכט אָטעמט מסופּן־שווער.
דער הונגער, ווי אַ בייזער טאַטע,
טיילט קאַרגע שטיקלעך שטערן
צוזאַמען מיט טרערן.

אין די פענצטער טאָגט דער דרויסן
וואָלפיש, אָן חרטה,
מיט ווינט און רעגן
דורך צעבראָכענע שויבן,
יסורימדיק העכער פון שטאָכעטן —
אין מיין שטאָט פון 1974.

..."מיינע לידער וועלן אַרבן די לבנה,
אין דער שפּעטער שעה פון מאָנונג
וועל איך ניט לאָזן גיין לאיבוד
הימלס כוונה."

לידער מיינע איבערגעזעצטע פון ענגליש

דער געבוירן־טאָג פון מיין באַלערינע

זי איז יונג, דאָס לעבן איז ייִנגער...
מיין קינד וויינט ווי אַ טאָרט פון זיבן שיכטן.
און איך, אין חורבן פון בלעטערפּאַל,
ווייַן מיט איר אין איינעם אין טעמפּן הארבסט.

זי האַלט מיין האַנט, און איך האַלט איר שמייכל.
וואָס קען איך טאָן מיט אירע פרישע טרערן?
איבער שלעפערדיקע לאַנדשאַפטן
אַזוי פיל געלע פּאַפּירענע פלישלאַנגען.
הונדערט מייל הויך
פירט
ביינאַכטיקע מאַגיע אויף גאָלדענע באַנען.

דער קליינער דזשין...
איר ליכט, טאַנצט אַנטקעגן ים,
אין דער אומענדלעכקייט פון איר חלום.
אַ סך יאָרן וועט געדויערן צו פאַרנעמען
די צווישנשטילקייט,
די ווייסע מעוועס,
די ווירבלדיקע וועלן,
די כּסדרדיקע רעגן־טראָפּנס
אין זאַמד,
אין טיפקייט פון זכּרון.

קינדהייטס רעגן

גרינג קומט די שטילקייט
אײַנגעזאַפּט אין זיך אַליין,
ריידלאָז,
אומבאַמערקט,
טרייסטלאָז.

נאָך דעם קומט דער רעגן.
דער רעגן פון מײַן קינדהייט,
וואָס איך האָב אַזוי ליב.
דער קלאַנג פון די רעגן-טראָפּנס.
מיר האָט געפעלט די חכמה
צו וויסן זייער וואָג.

עס פאַרבלענדט די אויגן.
צווינגט אַרויף די נאַכט
אין יעדן פענצטער
אין טיפן שלומער.

אין שוואַרצן שפּיגל
פון מײַן שטאָט
די שיינקייט פון לייק מישיגען —
אַ נאַקעטער ספּעקטאַקל.

פּילגרימען

ווען דער רענטגענעלאָג קומט אַריין
אַן אָנגעטרונקענער מיט בלוטיקן סם
אין געלן פּראָצעדור־צימער,
ליגט דער זומער אַ פאַרוויקלטער
אין האַרבסטיקע אַנגסטן.

די שאַרכדיקע בלעטלעך
באַוועגן זיך
ווי אויסגעטאָנענע פון דער וועלט,
פּילגרימען.

מיין קליין מיידל
האָט קעגן איבער
געוויינט
אין פוסטן
פּאַרק.

עס האָט מיט קאַלטע כוואַליעס
גערעגנט זינט דאָן
אין פאַרקילטן גראָז.

הויכפּיבעריש

די ווּנד.
דער קלינישער גערודער
ווערט העכער
אויף אַ סך, אַ סך הענט,
צערעמאָניעל.

די ווּנד.

הויכפּיבעריש.
אַזוי הימליש.
צוגעפּאַסט אידענטיש.
מרחמדיק בלחש.

וואָס טוט זיך דאָ?

מיר שלאָפן דאָך אַלע
אין אַ וויכער פון ווּנדן
אונטער דעם שירעם
פון אונדזער נאַכט.

דעליריום

וועז דער אַלטער זייגער
איז איינגעשלאָפן
צווישן די געשטאָרבענע שאָטנס,
איז האָרבסט געשטאַנען אויף מיין שוועל
שטאַרק בלינד —
טיפער ווי די נאַכט.

די נאַכט איז געווען נאַכטיק
אויף די קאַלטע פענצטערס,
און בייז.
זי האָט ניט געזען
ווי איך האָב באַוויינט
סענטימענטאַל
דעם לעצטן זומערשטראַל.

פינצטערע זאַכן
זענען פאַראַן אין מיין צימער,
ווען איך רייד צום קאַלטן זייגער.
נאָר פלוצלונג
האָט אין בלינדן דעליריום
די שטילקייט,
ווי די צייט,
רוחניותדיק צענומען
דעם פאַרגאַנגענעם זומער.

כתבי־הקודש

דער טאָג איז געווען ווײַס.
אימון קעגן אָפּגלאַנץ.
אַ פֿרישער קאַפּיטל
מיט שנייִיקן כּתבֿי־הקודש.

מײַן גאָט איז געווען
שרייִיק
אין ליכט.
ער האָט פֿאַרניינט
דעם נעפּל פֿון אַ נעכטן
אַרום און אַרום
אין די אויגן.

אין ווײַסן שלאָף,
דער שניי
האָט אַראָפּגענידערט
מיט קאַפּיטלעך תּהילים.

מיין כלה פון דעצעמבער

1

אַרום איז דער פראָסט געווען געשוואָלן,
מיט זיבן לופּטיקע פייגלען,
איידלמוטיק און אינטים
מיט זייערע געצאַקטע שנאָבלען,
רעגנבויגנדיק
אַרומגענומען דעם קאָסמאָס
און זיך פאַרלאָרן
אין דער פלוצעמדיקער חתונה
פון דער נאַטור.

אירע ניי איינגעראַמטע טרערן
זענען געווען ווייך אין שלאָף,
ווי איבערגעטאָנענע שניי־פעדערן
אין הימל.
באַלעטיש אַריינגעווירבלט אין שניי
איז די וועלט געוואָרן —
אַ חתונה פון פעדערן.

דער זומער איז נאָך געווען לעבעדיק אין איר אָטעם.
ער האָט וואַלסירט אין איר האַרץ,
אויסגעפרישט אין מיידלשקייט.
אירע געפיבערטע ווערטער
זענען געווען שטיל און דערשראָקן
אין דער פראָסטיקער נאַכט
אומשולדיק פאַרלאָרן
צווישן פעדערן און פייגלען.

2

אירע יונגע טרערן
זענען געווען ווי די האַרמאָניע פון סוף.
אַן עקסטראַוואַגאַנטער זומער־רעגן
אין די שפּיגלען פון אירע אויגן,
אַריינטרינקענדיק
דעם ווײַן
צו פאַרגעסן די לעגענדע
פון ווערן צוריק אַ קינד.

אין צימער
באַלדיקע ליכט
אין פאַרזיגלטע ווענט.
אוראַלט
און גנעדיק
איז געווען דער געטראַנק
פון אויסטערלישן דעליריום.

3

רבונו של עולם.
דער רבי איז גאָטאָויגיק,
ער שעפּטשעט דעם אמת.
באַלזאַמירט דעם טייוול
אין דעם געטראַנק פון מיין דורשט.

די פאַרצווייפלטע לבנה
קריכט אַרום
אין אַ געדונגענעם צימער
ווי אין אַ גן־עדן
געשטאַלטיקט אויס
דעם געשוואָרענעם צוזאָג.

דער שניי, ווי לויפנדיקע שאָף,
בשלימות אין די שויבן,
ווי איבערראַשנדיק די קרובים,
וואָס טאַנצן
אַלע
דעם זעלבן טאַנץ.

אַלץ איז איצט הימליש:
דער הייליקער ווייַן.
לוויתנדיקער פיש.
די ייִדישלעך־חסידישע
מוזיק.

אַ געהויבענע סאָפּראַנאָ
שוועבט
און פאַרזיגלט אַלע סודות
אין כּולו גוטס.

איצט און אייביק
אקצעפּטיר איך דיך
בעל-חיהדיק
אין דער נאַכט.

באַפרייטער אַרויספלי

די פרוכט אין מיין גאָרטן,
זיי סטייען קוים
פאַר לידער.
דער הימל,
איין גאָט ווייסט פאַר וואָס,
איז קאַרג מיט שטערן.
די צוגענאָפּלטע אוגערקעס
וואַקסן קליין און מאָגער.

נאָר די פייגל
אין אויסגעפוצטער שטייג
זינגען
צום גאָרטן דורך די שויבן
אַ שירה יעדן פרימאָרגן —
כ׳ווייס ניט צו וועמען.

ווען איך צעעפן די פענצטער
צום פאַרדאַרטן גאָרטן,
איז גענוג פאַר מיר
זייער באַפרייטער אַרויספלי,
פאַר אַ ליד
און אַ תּפילה.

רויזן

זאָלן זיי קומען אין חלום און
פאַרבלייבן. וואָר טיילט אונדז
פונאַנדער. כ׳קען זיי ניט פאַרטרייבן
די רויזן אונטער דיינע פענצטער.

זיי קומען צו מיר מיט
ליכט און פרייד —
כ׳זאָל זיי געפינען. נאָר
דער שטרענגער זייגער שלינגט
טעג און צייט דורך די שויבן. אַפילו
די זומערן ניט געשאָנעוועט.
בליִען די רויזן אין חלום און
אין מיין זיכּרון.

דער דינער רעגן שרייבט יעדן
האַרבסט צו מיר בנוגע דיינע רויזן,
אָפּגעפּונענע ביי דיינע נאַכטיקע ווענט:
— די צייט מאַכט אַלצדינג בלאַס און
פאַרפאַלן. די רויזן, אָבער, וואָס קומען אין
מיין חלום, שטראַלן ווי פון גאָרטן ארוים
מיט געדענקשאַפט,
און פאַרבן די בענקשאַפט
מיט יונגע פלאַמען.

מספּים

געווען איז אַלץ פריש,
געווען איז אַלץ נאָענט
אין באַרעמהאַרציקן חלום.

דער אַלטער ווייַן
ווילד־שטיפעריש,
צעהיצט
צווישן אַ בינטל קישנס,
דעקלאַמאַטאָריש:

„פאַרשווער מיך, אַז איך וועל
אייביק
בלייבן יונג
אין דיינע אויגן...״

דאָס פּייערל שפּילט
פון גלאָז אַרויס
צוזאַמען מיט פלאַמען
אין דער שפּעטער שעה:

מספּים.

אַלץ וועט שטאַרבן
אין אָט דער פאַרבליבנקייט,
אחוץ
מיר צוויי אין
דער צערויטלטער גלאָז —
געפאַנגען
אין אויסגעבענקטן איצטער.

אינדיאַנער זומער: וואַריאַנט 2

דער האַרבסט רינט צווישן די ביימער.
ווער האָט מיך היינט פאַריאָגט אַהער?
ווידער דו,
יונגער חלום מיינער.

אינדיאַנער זומער ליגט אויפגעבונדן
מיט פידל־קאָליר אַנטקעגן,
מיט זאַמד צווישן די ציינער,
מיט גלאַנציקע בערג,
מיט אָנגעצונדענע ווונדן.

די שטאָט ליגט הינטער מיר
צערודערט
מיט שטיינערנע רייד,
מיט צעקריגטע ווערטער,
ווי פון מיין שטעקן צעשפּאָלטן.

און דער טייך,
אַ בלויער פּלאַסטער,
היילט און קילט דעם אָרום
מיט פייגלשפּראַך,
מיט געלער, אַנשטאָט גרינער,
ווייטקייט.
כ׳ליג האַלב־נאַקעט,
פאַרקנסט צו פייערדיקע פאַרבן.

אַ זאָג, אָקטאָבער,
מיט אַזוי פיל זון אין דיר —
פאַר וואָס שטאַרבן?

די באַן, אַ שטאָלענער אַקאָרדיאָן,
שפּילט מיך צוריק
צום בלאַסן שחרית
אין פּייכטן גאַלאָפּ.

רידלרייד

שטאַרבן איז ניט נאָר שלאָף,
ס'איז סוף
אין גרונט דעם שוואַרצן,
אַ ווייסע ווונד —
פאַרוואַטעוועט
אין שטומקייט.

צווישן פאַרפרוירענע ליפּן
קעניג מוראַזש
מיט זיין באַנדע,
ווי נאָענטע שכנים,
זוכן אין טיפן געוואַלגער
אין יעדן נאָגל פון פריש־געקומענעם,
וואָס ליגט אויסגעצויגן —
מסתּם אַ ריז,
דעם שליסל צו זיין גרויליקן קעניגרייך.

רעגן און רידלרייד
פאַרשיטן
פלוצלונגדיקן אָנפאַל.
דאָ פאַרלירט זיך יעדער שטראַל,
דאָ וויקלען זיך די ווינטן
אַרום די שטיינער
אַלץ ענגער —
ביז פינצטערניש,
דאָ איז דאָס לשון פון די גראָזן
טויזנט מאָל שוואַרצער.

שטאַרבן איז ניט נאָר שלאָף,
ס'איז סוף
אין
רעגן־באַוויינטער בלינדשאַפט.

ריר אָן דיין זיידנס שטערן

אסתּרקען, ביים אַריינטרעטן
אין שיקאַגער אוניווערסיטעט.

פון פּראָפעסאָרישע פּאַרקלערטע רייד,
האָב איך ווייניק וואָס געלערנט.
געלערנט האָט מיך דיין עלטער־זיידע:
אַז די וואָלקנס שפּיגלען זיך אין די טייכן,
אַז שאָטנס שטאַרבן אָן פאַרבן,
אַז פליגל, ניט ליכט,
איז דער אַבסאָלוטער כּוח צו זיין אייביקייט.
פּאַראַדאָקסאַל.
וועלטלעכער איינפאַל.

מיין טאַטע, דיין זיידע,
האָט מער פון אַלץ מיך געלערנט:
אַז די זיבן פריידן
און די זיבן שאָטנס
זענען משפּחהדיק
אין דער מאַמען געראָטן.
דער טאַטע מיינער,
דער ווירטואָז פון אומעט,
אַ חכם אין טויזנט טרוימען —
געמיינט, די תּורה וועט אים צאַמען.

אַ פאַרטרוימטער
איבער ימען
ביז צו דעם נייעם ברעג
פון הויכע טורעמס און וווּנדער,
געקלעטערט צום הימל,
געפּוצט גאָטס שטערן —

ס'זאָל אים ליכטיקער ווערן
אונטער די שוואַרצע שטיינערנע ברעמען
פון זיין שטאָט.

דער טאַטע איז לאַנג שוין אַ חלום.
איבער דיר, טעכטערל,
זיין הימל גלאַנצט, ווי אַ קרוין,
מיט ריינע, ייִדישע שטערן.

„ס'איז דו, יוגנט,
וואָס רופט מיך צוריק צו דעם חומש...״

פלאַמיקע ניסים

אין שפּיגל פון טאָג־ווערן

די שלאַנג שלאָפט אויפן בוים
און חוה שלאָפט דערנעבן.
יעדער צווייגל ווייסט,
וואָס פון אָדמען וועט ווערן
אין דעם שפּיגל
פון טאָג־ווערן.

דער קלוגער בוים גענעצט וואַך.
די שלאַנג מיט צוזאָג לאַנג.
די זון, אַ פייער־רויטע קרוג,
וואַרעמט אָן באַהאַלטענעם פאַרלאַנג
פון עפּלדיקן נעכטן,
פון פאַרשעמטן היינט
אינעם גראָז פון מינדסטן ריר.
נאַקעטע הויליקייט ציטערט
פלוצלונג
מיט נע־ונד־קאָליר.

פאַרפּישופּטע קאָלירן פון גן־עדן
אַלץ ווייניקער און ווייניקער
הינטער זיי פרירן.
זיי גייען ביידע פרום פאַרוים,
אָנגעטאָן אין גרויען שימער,
ניכטערע דורך זאַמדיקע טירן.

דער נחש קריכט זיי נאָך
און וועקט די בענקשאַפט
דורכאַנאַנד, דורכאַנאַנד.

אָדם און חוה

אָדם האָט אָנגעקלאַפּט אין חוהס טיר
און געזאָגט:
ווי בראשיתדיק די בלויקייט אין דיינע אויגן.
לאָז מיך דאָ אָפּרוען.
דער מדבר וויל מיך פֿאַרנאַרן.

חוה האָט געעפֿנט די גרינע טיר
און געענטפֿערט:
קיין פֿייגנבלעטער וואַקסן מער ניט
אַרום מיין הויז.
ס'איז דער טאָג אָן ברעמען.
די זון גליט צווישן מיינע פֿיספֿינגער.
זאָל דער אָוונט קומען.
כ'וועל אָנטאָן דעם שטערנבאַנד
אויף מיין האַלדז —
פֿון דיינעטוועגן.

אָדם האָט זיך אויסגעטאָן פֿון ווינט.
געזעצט זיך מיט חוהן
אויף אַ געשטריקטן וואָלקן:
חוהלע, דאָס לעבן איז שיין,
און דו — אַ געפֿינס.
דער עפּל האָט געפֿינקלט אין פֿייער פֿון אירע ליפּן.
די גאָלדענע בין
האָט געזשומעט אַרום חוהס קני.

הבל און קין

און הבל איז געלעגן אין פּאַשע פּאַרטוליעט.
זיינע סטאַדעס, ווייסע וואָלקנס.
די זון אין זיינע האָר —
האָניק־קאָליר.

און קין איז געלעגן היים פּאַרטאַיעט,
שיכּור מיט געטראַנק פון ווילדן בוים.
די אָקסן האָבן מיט די קעפּ געשאָקלט,
די ערד האָט זיי געבערשטלט די ציין.

און הבל האָט צעשיקט די ווייסע טויבן
צו טאַטע־מאַמע, אָנצוזאָגן:
דער האָניק איז זיס,
די וואָל איז ווייס.
גרייט, מאַמע, די וועטשערע.
די וואָלקנס האָבן זיך פּאַרטשעפּעט
אין ווינטיקן וואַלד.

און אין וואַלד, קין, מיט רשעות און מאָרד.
זיין קול, ווי אַ דונער, אין הבלס אויערן.
דער טאָג איז פאַרגאַנגען.
די נאַכט איז געקומען מיט ליכט,
פול מיט מורא און טרערן.

יוסף און בנימין

דער טאָג איז געלעגן פריש אויף דעם טיש.
די צווייגן האָבן צעוואָרפן שאָטנס
איבערן מויער.
די זון,
ווי דער זילבערנער בעכער,
האָט געצויבערט צווישן זיי.

יוסף האָט געקושט זיין יינגל-ברודער:
מיך פיבערט פון דיין צעווײנען זיך,
ברודער מיינער.
עס דעם ווארעמען ברויט מיינעם.
מיר וועלן ביידע ברוינען אין אַ חלום —
דאָס מעשׂהלע פון די צוועלף ברידער.

דאָס פעלד און גראָז איז טונקל מיט הונגער.
זע, בנימין,
איך בין זאַט פון דיין זיין מיט מיר.
זאַטער ווי פון האָניק,
פון מאַנדלען.

ווי אַ שיינער פירשט
איז יוסף געלעגן,
צעליכטיקט פון וויין און ברודערשאַפט.
אין דרויסן האָבן די זיבן זאַטע קי
פאַרנומען זיינע רייד.

רות

די זון האָט גערעגנט מיט גאָלדענע פינגער,
און רות האָט געקליבן אין פעלד ביזן אָוונט.
אירע קליינע טריט — מיט גרינגקייט פון גערשטן.
איר ברוין לייב — מיט פולקייט פון ווייץ.

רותס פינגער ווי פולע זאַנגען:
לאָמיך דאָ קלייבן צווישן די גאַרבן.
אָוונט האָט זיך פאַרטאַיעט
הינטער דעם שייער.
די שעפ־יונגען האָבן געטרונקען
די שטערן פון די כּלים.

און דער ווינט האָט אָפּגעדעקט בועזס צופוסנס.
רות, דערנעבן דורכזיכטיק און קלאָר.
זעקם מאָס גערשטן די וואָג פון איר שווייגן,
די רייפקייט פון פעלד אין אירע האָר.

נאַכט האָט פאַמעלעך געשפּרייט אירע זאַלבן,
די לבנה האָט געקילט די קני.
ערשט רות איז געלעגן צווישן שטערן און שווייגן
און בועז האָט געבענטשט איר ווייצשניט אין דער פרי.

יהודית

אין יהודיתעס אויגן
צעבליטער טאָג.
די ערד איז אַנטבלויזט,
דער הימל איז שאַרף.
די צייט —
אַ מגילה מיט רויטע טריט.

יהודית צעקעמט דעם קלעם
פון אירע שוואַרצע האָר.
הוליפורנוס צינדט דעם ניצחון אַרום —
אַן אַרגיע פון הענט און שווערד.

און יהודית טרינקט דעם זאַפט
פון מאָרגן,
פון זון, די שטראַלן —
די פעסטקייט פון איר שטאַם.

אויף דעם שאַרף פון אַ שווערד
הוליפורנוסעס
אַראָפּגעשניטענער קאָפּ —
זעט
די אייביקע זון און די שטערן
אין יהודיתעס בליק.

עפילאָג

די באָרוועסע נאַכט איז זומערדיק
דורכגעלאָפן
דורך אַלע ווינטן,
אין שפּייכלער אַריין
מיט ציטערדיקע געזאַנגען
אין שקיעה־שײַן:
כ'וויל זיין דיין.

אין חשכות
ניט דערקענט דיין קול,
נאָר אין ווידערקול,
בנאמנות.
די באָרוועסע נאַכט האָט אין מיר
פאַרטראַכט
דאָס ייִדישע ראָמאַנטישע ליד
פון רות און בועז.

כ'בין תמיד אַ געפאַנגענער
אין דעם שייער פון מגילת רות.
פלוצלונג האָסטו זיבן מאָל
זיבן קושן
פאַרפלאַנצט אויף מיינע ליפּן
און די לידער האָבן שווער געסאַפּעט.

ווען שטערן ווערן ווערטער,
בלייב אייביק
פֿאַרשיכּורט פֿון יצירה.

באחרית הימים

א

מיין אייביקייט,
דאָס יידישע ליד,
איז ניט געשטערט.
די לידער וואַקסן. די יאָרן ווערן הויך.
דער ייִד אין מיר — נאָך העכער.

אין גאָלדענעם גלות פון גראַווירטן שטיין
ליכטיקט דאָס געוויין פון בבל
אין שטומען גראַניט.
מיר זענען פריי און פאַרקנעכט.
ניט ניי, ניט אַלט.
ס׳איז ייִד: 1974.
ס׳איז דאָ פרייד אין בבל —
דאָס יידישע ליד
איז ניט געשטערט.

אַ פאַרלאַטעטע לבנה
איבער מיין טיש
קאָרמעט מיך מיט טינטער און פּאַפּיר.
גיי, ווער אַ שעקספּיר
אין קופּערנעם פאַרנאַכט.

די שטערן צווישן געדיכטע צווייגן —
אַ צייכן, אַז גאָט איז אייביקער פון אַלע פּאָעטן.
ער זינגט אַריבער דימענסיעס
פון צייט און אָרט.

ווען שטערן ווערן ווערטער,
בלייב אייביק פאַרשיכּורט
פון דער יצירה!

ב

כ׳זינג לעיעלעם־איצטיק.
מיר זענען דאָ
מיט דער היימישקייט פון יאָרן,
מיט זון
און רעגן,
שופטים און שעפערס
פון ייִדישער מיטנוואָך.

כּי טוב.

דער וועג צו גאָט איז באַלדיק און יונג.
מעג דער זומער מיט זיין גרינערייי
פאַר קונסט ווערן די מאָדע,
וועל איך פון מינדסטן גרעזל
דערגייען צום סוד
פון זיין
כּי טוב.

ג

וואָס זינגט מיין שכן אין דער שפעטער שעה?
ער זינגט „בודווייזעריש" אין קאַיאַר
און פאַרקלאָגט מחנות שאַטנס,
די קלייניקייטן פון זיינע יאָרן.

חצות

מיט אָנהייב פון ליד
די לאָמטערנעס אויף מיינע הענט
צינדן אָן
לאַנג-אויסגעלאָשענע געבאָטן.
און איך זאַמל צונויף יעדן אות
פון מיין ייִדישן וואָרט
און לערן זיך פון גאָט.

ד

מײַן אײביקײט װערט ניט געשטערט.
איך נידער אַראָפּ פֿון אַלטן בױם
און לײג זיך גערן אױס בײַ דײַן טיר
און זינג
דעם קװאַליקן שיר
פֿון ליבשאַפֿט.

ס'מאַמעט די ליבשאַפֿט
אומפֿאַרעלטערט און יונג
אין ערדישער אײביקײט.
די ליבשאַפֿט בליט דורך װענט
האַלדזנדיק דעם צװילינגפּאָר,
זון און לבֿנה,
אין פֿלאַטער.

די ליבשאַפֿט איז יושרדיק אױף אַלע ברעגן.
דער רעגן טראָפּנט
אין אַלע טײַכן.
ס'זינגט די װײנענדיקע װעלט
ביז צום אױסגײן
דאָס ליד פֿון ליבשאַפֿט.

ה

ווען די צעטראָטענע נחלה גייט אויף
און שטריקט פון גראָז אויס
אַ קליידל פון אייביקער יונגשאַפט,
די ערשטע ליבשאַפט צו פאַרגעדענקען —

כּי טוב.

ווען די רויזן פלעמלען אין די שויבן
און פאַרהיילן אַלע ווונדן,
צו זען די צעבליטע אייביקייט
אין די יונגע אָדערן
פון ערשט-פאַרפלאַנצטע ביימער —

כּי טוב.

ווער הערט אויף צו בענקען נאָך דעם אָנהייב?
זיבן טעג אין וואָך בענטש איך
זיין נאָמען.
זיבן נעכט אין וואָך
פאַרזאָם איך ניט
צו דערקענען זיינע בלומען —

כּי טוב.

ו

ס'איז קיין מאָל ניט צו שפּעט
אָנצוצינדן די האַרף אין געבעט,
ווי דוד אין פּאַרמעסט.

מיר זענען צאָליק פּיל.
העכער נאָך פון רויכן.

דו, מיין שטראַליקע זון,
וועסט קיין מאָל ניט פאַרגיין.
כ'וועל היילן דיין פּנים
אויף דעם הייליקן שטיין
זאָלסט ניט ווערן אין אַש
פאַרשטילט.
די מאָנומענטן מיט בלינדע פלעקן,
מיט פאַסטעל־קאָלירטע הימלען,
קענען ניט פאַרדעקן
מיין זיידנס שטעקן,
אין קאָלירן פון דעלירן,
וואָס פירט אונדז ווידער
צום צוגעזאָגטן לאַנד —
דאָס מאָל זאַלבענאַנד.

האָב איך דאָס אַלץ געזען?

דער ייִד אין מיר: 1974,
האָט עס אַלץ באַוויינט.

ז

אַפּריל רעגנט מיט צעבליטע אויגן,
מיט טויזנט קוואַלן
דורך פֿאַרצאַמטע פּלויטן.
די ערד איז ווייך, דער מענטש איז האַרט.
די בלום איז צאַרט דורך אַלע הויטן.

מיין אייביקייט אויך אַזוי.

אַפּריל קומט באַרוועסדיק דעם ווינטער צו פֿאַריאָגן.
האַרץ מיינס, דורך מיינע אויגן זע
דעם ווייכן אָנהייב
פֿון זיין יונגן ניגון.

מיין אייביקייט אויך אַזוי.

אַפּריל איז טויפֿול און מיט געוואַלד לעבעדיק.
ט.ס. עליאָט האָט קיין מאָל ניט דערשפּירט
דעם פּורפּור פֿון בעז
אין מיין יִדישן גאָרטן.
אַפּריל אויף די ביימער
שפּייזט דעם דרויסן מיט לידער.

ח

מיין מאַמעס ניסן —
אַ ליכטיקער סך־הכּל
פון אייגנס
אין ראַמען פון יאָרן.
איר פאַרטריקנטע טרער
בליט־אויף יעדן פרילינג
אין מיינע לידער.

פון טאַטנס לאַנגער נאַכט
קומט דער ריח פון גן־עדן.
דער סאָד צירט אוים
מיט שפּראָציקע בלעטלעך
די פּרוכט פון זיין גאָרטן.

ניסן צעבליט זיי אין מיינע לידער
מיט אויפגעפּראַלטע פאַרבן.
כ'הער דעם זאָג אין זייערע סימנים:
דיין אייביקייט איז ניט געשטערט.

דערשטיקטער ווינטער

די וואָלקנס, דיסציפּלינירטע קריגער,
שיסן מיט רעגן
און באָמבאַרדירן מיט דונערס
די טעראַסן און פעלדער,
ווי ווילדע פּיראַטן.
דאָס צעבליִעכץ — אַ געקייטלטער לאַמענט,
ערב-זומער.

נאָר איך האָב היינט אין דיין שלאָפצימער
מיט ניצחון
דעם ווינטער דערשטיקט
אין דיינע קליידער-פאַלדן
און שפּיצפינגערדיק פון דיין בעט
אַראָפּגעשפּרונגען
אין מיטן זומער —
שמעקעדיק און קלאָר
מיט דיין לייב
און האָר.
יאָ, יאָ, קאָסמיש קעגן אַפּריל-ווינטן.
דאָס מאָל אַ באַלאַנסירטער
מיט פליגל און בענקשאַפט.

ביסט מיטגעפלויגן
קרישלדיק קליין,
שוכלאָז,
אין אַ זאַמד-קאַפּעליע,
איבער פּאַראַדנע ברעגן
פון לייק מישיגען.

אין ליכטיקן פּאַרק

...און גאָט פליט מיט ווינט
און לייגט זיך ליכטיק גרינג
אויף די גראָזן.
די רויטע ווּנד פון זונפאַרגאַנג
ווערט פלוצלונג אַ פּאָמידאָר.
די פּאַרנאַכטיקע שעהען
געשמאַקע באַרן.

איך ווער חלום אין דורכזיכטיקן פּאַרק.

דער טאָג אין אַ בלויען מונדיר
וואַכט איבער מיין שטאָט,
ציילט די באַקאַנטע ווענט
און די טעמפּע רעקלאַמעס;
די מעגאַפאָנען און ספּעקטאַקלען,
די האַרטע לאַסט,
דעם צאַנקנדיקן מיטנוואָך.

איך ווער חלום אויף פּאַרק-בענקלעך.

מיט יעדן שטערן מער, זע איך,
ווער איז ווער,
ס׳גאַנצע רעטעניש
אין ליכטיקן פּראָפיל פון זיין.
ס׳זינגט מיין סטענאַ מיר גוטמאָרגן אוים
בעת
גאָט פליט מיט ווינט
און לייגט זיך ליכטיק גרינג
אויף די זומערדיקע גראָזן.

אין ריטואַלן ציטער

ס'ליגן דײַנע בריוו אויף מײַן בעט צעוואָרפֿן.
פֿאַראַן נאָך דײַן יונגער אָטעם
אין געדיכטן, גוט־באַקאַנטן
כּתבֿ־יד.
די ווערטער ווערן קעלטער,
דאָס פּאַפּיר בלאַסער.

מיט גאָט בין איך זיכער.
ער פֿאַרריכט אַלע מײַנע טעג
און נעכט.
ער פֿאַרזייט אין מיר יעדן פֿערז
אין פֿיבער פֿון מײַן גאָרטן.
אָבער דו, מײַן באַגערטע,
בלײַבסט די ניט דערקלערטע
אין מײַנע אָנגעשריבענע לידער.

בלײַבסט
דער טעם
און דאָס מעשׂהלע
פֿון דעם אַמאָליקן גן־עדן.

מילכיקע פלאַמען

א שוואַרצע ציג, די נאַכט —
מיט בערדלדיקער שטילקייט,
מיט מילכיקע פלאַמען.
כ׳האָב תּמיד געטרונקען
פון מאַמעס אויגן
דעם ווייסן וועג
צו די הימלען.

א בלינדע לבנה טאַפּט אין מיינע שויבן:
כ׳בעט דיך איבער,
ווּ בין איך?
דער זייגער און איך
מיר ציטערן זאַלבעצוואַנד,
די לבנה זאָל חלילה ניט
אַראָפּפאַלן
פון מיין שטומער וואַנט.

ס׳זילבערט דער טוי
מיט אַזוי פיל יונגשאַפט,
ווי אין מילך אויסגעבאָדן.
די שוואַרצע ציג, די נאַכט,
טראָגט אין זיך דעם ריח
פון ליכט.

דער פרומער האַרבסט
האָט זיך אויסגעטאָן
פון זיין גוף,
זיך איינגעוויקלט אין געטלעכן סוד.

בליענדיקער האַרבסט

א

דער רעגן האָט גערעדט מיט גרויע ציין:
פֿאַר וואָס זשע דאַרף דער זומער פֿאַרגיין?
כ׳האָב די נאַסע פֿראַגע ניט פֿאַרנומען
ווען דער קאַלטער ווינט איז געקומען
מיט וואָרענונג פֿון וועלדער.

אין די טייכיקע שפּיגלען
די אָפּגעפּליקטע ביימער,
ווי לעבנלאָזע גופֿים,
פֿרירן.
בלעטער ליגן צעריסן
אין האַרבסטיקן דרימל.
זייער נאַקעטקייט באַלייכט די נאַכט.

ב

אין טיפן וואַלד
דער ווייסער בער ליגט אָנגעטאָן
אין זיין אַלטמאָדישער פעל.
יעדער ווענד און קער
פול מיט מורא
קעגן נאַכטיקן פלאַם.

ס׳רעדט די כוואַליע קלעטערדיק
פון טיפן ים
פנים־אל־פנים
מיטן זאַמדיקן ברעג,
וואָס ליגט, ווי מיט ווונדן,
אויסגעשפרייט —
פאַרטויבטע רייד, וואָס פאַרענטפערן ניט
אַליץ.

ג

דער רעגן האַלט כּסדר אין איין מאָנען:
לאָז מיך אין דיין בעכער אַריין
און צעוואַרעם מיך אין דיינע ליפּן.
די כמאַרע רימט זיך
מיט מיין אוראַלטן געמיט,
וואָס דינט דעם ווינט.

כ׳פאַל צערודערט און שאַרף
אויף יעדן פּנים.
קיין סימן ניט בלייבט
פון מיין טרער.
כ׳שטראָם אַוועק מיט אַ זויבערקייט
פון אויסגעוואַשענע טעג.

ד

ווי אותיות אויף די שויבן,
אָנגעהאָנגענע פון גישט הי,
יעדער טראָפּן באַזונדער
קושט אוים דעם ווינדער
פון רעגנבויגן.

די וועלקונג
מיט אוראַלטסטע קנייטשן
ליגט אויסגעבעט
צווישן צעגעלטע גראָזן.

דער פרומער הארבסט
האָט זיך אויסגעטאָן
פון זיין גוף,
זיך איינגעוויקלט אין געטלעכן סוד —

ער זאָל ווידער אָנהייבן
בליִען.

אינהאַלט

דורך מיין ברודערס פענצטער 7

די ניסים פון מיין וואָך 8

דיאַלאָג בנוגע אַ פּאַרלאָרענעם מאַנטיק . . . 15—11

גרינע ברעמען 16

שוואַרצע רערן 17

מיין קינד האָט צעוויינט אַ רעגן 18

אַ טראָפּן זון 19

דער זומער איז געקומען 21

וואַנדערלינג . . . . 35—25

אין דינער שטילקייט 36

ביאָגראַפיש 37

פּאָרטרעט זיכזעלבסט . . . . 49—41

די זון הימלט מיט סימבאָלן 50

וואַקאַציע ביים ים 51

פון הייסן אַש . . . . 65—55

די באָבע איז געשטאָרבן 66

די לעגענדע 68

אין רויטן ראָם פון פאַרנאַכט 70

פליגלפּאַכיקע פלאַמען

אין בלוילעכן באַגינען 73

ואהבת 74

דאָס ליד פון האָניק־זומער 75

שטראַליקער גערויש 76

רעגנרייד 77

האַרבסטיקייט 78

לאָמענט פיר אין דער פרי 79

לאָמענט פינף אין דער פרי 80

לאָמענט זעקס אין דער פרי 82

III אַמעריקאַנאַ

דזשעזמעניאַ . . . . 85—98

ווי אָדם ערשט 99

אין רויטן קאַם 103

אין דער שעה פון כמאַרעס 104

צעבראָכענע שליסלעך 105

לידער מיינע איבערגעזעצטע פון ענגליש

דער געבוירן־טאָג פון מיין באַלערינע 109

קינדהייטס רעגן 110

פּילגרימען 111

הויכפּיבעריש 112

דעלירױם 113

כתבי־הקודש 114

מיין כלה פון דעצעמבער 115

באַפּרייטער אַרויספּלי 119

רויזן 120

מסכּים 121

אינדיאַנער זומער: וואַריאַנט 2 122

רידלרייד 124

ריר אָן דיין זיידנס שטערן 125

פלאַמיקע ניסים

אין שפּיגל פון טאָג־ווערן 129

אָדם און חוה 130

הבל און קין 131

יוסף און בנימין 132

רות 133

יהודית 134

עפּילאָג 135

באחרית הימים . . . . 139—146

דערשטיקטער ווינטער 147

אין ליכטיקן פּאַרק 148

אין ריטואַלן ציטער 149

מילכיקע פלאַמען 150

בליִענדיקער האַרבסט . . . . 153—156

ביכער פון זעלבן מחבר:

אין יידיש:

בלומאַנטיק	1938
אַמעריקע	1940
גאָלדענער גלות	1971

אין ענגליש:

The Poet In Blue Minor

Passages Of Refuge

Letters To My Unborn Son

Preface To Maturity

Golden Exile — Soon to appear